STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10871

LIDER UN POEMES

Itzik Fefer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק פעפער

לידער און פאעמעס

1925 — 1928

ליטעראַטור און קונסט
כאַרקאָוו.
1934

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Українського Друку", „Картковому репертуарі" та інших покажчиках Української Книжкової Палати.

Редактор — М. Шейнгольд.
Художник — Л. Милярх.
Техкер — С. Білокінь.
Коректор — Л. Гілер.

Друкарня ім. Фрунзе, Харків, Донець-Захаржевська, 6.

Уповн. Головліту 1961. Зам. 1680. Прим. 1500. 9⁵/₈ друк. арк. Видання № 41 Папір ф. 62 х 94—51 кг. 4⁷/₈ пар. арк. 1 пап. арк. 122.880 літер. Здано в роботу 14-XI 193? р. Підписано до друку 26-IV 1934 р.

עליעס טויט

(פאעמע)

1925-1928

1

ווענ שטילע שמייכלענדיקע שטערנ
צעשיטנ זיכ אינ אַלטנ טאָל,
איז גוט צו זיצנ דאָ אונ הערנ,
ווי גראָזנ פּלאַפּלענ פונ אַמאָל,
איז גוט אָט דאָ אַמאָל דערמאָנענ
אַנ אַלטע ווינטערדיקע ליד...
אַפּ ווײַטע דרימלענדיקע באַנענ,
ווו שניי אונ אומעט שיט אונ שיט,
ווו קינדער ווײנענדיקע ליגנ
מיט אויגלעכ קאַלטע, ווי דער פראָסט,
ווו ערגעצ ווײַט אפּ ווײַסע וועגנ
האָט ווער די לעצטע טריט פאַרלאָזט.
ווי פרייִלעכ איז געווענ זיכ דרייענ
אינ סטעפּ מיט היציקנ גאַלאָפּ,
אינ טיפע זינקענדיקע שנייענ
באַהאַלטנ שמייכלענדיק דעמ קאָפּ.

איז גוט אָט דאָ אַמאָל דערמאנענ,
ווי ס'האָבנ נעכט געיאָגט פאַרשײַט.

. . . .

נאָר ס'האָט ניט יעדערער פאַרשטאַנענ
די גרויסע פרייד פונ יענער צײַט,
ניט יעדער האָט געקענט דעריאָגנ
דעמ הייסנ לויפ פונ יענע טעג,
ווענ ס'פלעגנ אײַלנדיקע צוגנ
זיכ שלעפנ וואָכנווײַז אינ וועג.

2

אַפּ פעלדער ווײַטע און פאַרשנייטע
האָט טאָג און נאַכט אַ שלאַכט געברענט,
און ס'האָט אַ שטעטעלע דאָס צווייטע
אין יענע רויכן ניט דערקענט.
ס'איז דעמאָלט קיינער ניט געשלאָפן,
מ'האָט נאָר געזונגען און געיאָגט,
האָט עמעצן אַ קויל געטראָפן,
איז ער געפאַלן ניט באַקלאָגט.

און ווער האָט צײַט געהאַט צו קלאָגן
אַפּ זין, וואָס פאַלן ערגעץ טויט,
ווער ס'האָט געהאַט א פערד און וואָגן,
דער האָט געפירט אַפּ שלאַכטן ברויט.
אַזוי איז יענע צײַט געגאַנגען
און האָט מיט רויער פרייד געשיט.
און הויכע דראָטן אַפּ די שטאַנגען
דערציילן שטיל פון יענע טריט,

ווי מ'האט דעם פײַנט אין פעלד געטריבן
מיט הוילע הענט און מיט געזאַנג,
ס'האָט דעמאָלט קיינער ניט פאַרשריבן
די הייסע ליד פון יענעם גאַנג.
אַסאַך, אַסאַך האָט מען געהאַנגען
אין שטילער לוואָנעדיקער נאַכט.

. . . .

זיי האבן זייערע געזאַנגען
פון יענע פעלדער ניט געבראַכט.

3

ווער דאָרט, ווער דאָ אין שטילן קאָרן
האָט שטום דערזאָגט דאס לעצטע וואָרט;
ס׳איז יענער טראָט שוין לאַנג פאַרלאָרן,
און רעגנס וואַשן שוין דאָס אָרט,
און קומען קומט אַהין ניט קיינער,
און איינזאַם בענקט די פײַכטע ערד,
ווו ס׳האט א רײַטער זײַנע ביינער
פאַרלאָזט אינײינעם מיט זײַן שווערד.
איז שווער אזוי אוועק פונדאַנען,
פון אָט דעם אַלטן, פרישן וועג,
ווו יעדער בערגל קאָן דערמאנען
א בינטל אָפּגעבליטע טעג.
און גוט איז זיצן דאָ און הערן,
ווי סטעפּעס ריידן פונעם שלאָף,
און זען, ווי טרויעריקע שטערן
צעשיטן זיך ווי שטומע שאָף.

אין װײַטקײט זשומען ערגעץ מילן,
אַפֿ גראָזן פֿאַלן טראָפּנס טױ;
אין אַזאַ אָװנט אַזאַ שטילן
האָט מיר אַ סטעפּ דערצײלט אַזױ.

4

אין יענע טעג פון ווײַסן ציטער
האָט אונדזער העלד זײַן היים פֿאַרלאָזט,
זיך ניט געזעגנט מיט זײַן מוטער,
איז ער אַוועק אין שאַרפֿסטן פֿראָסט.
אין אַלטע שיך, אין דינעם רעקל,
א לעבל ברויט, א פּאָרל גרעט,
מיט א צעריסן קויטיק פּעקל
איז ער אַוועק אין פֿרעמדע שטעט.

. . . .

זײַן שלאַנקן קערפּער האָט ניט איינמאָל
אַ פֿרעמדער שאָס אין סטעפּ באַשײַנט,
נאָר ס׳האָט אין לײַב בײַ אים נאָך קיינמאָל
דער פֿראָסט געפֿראָסטעוועט ווי הײַנט.

ער האט פון קינדווײַז אָן געטראָגן
אַ ווילדן קויעך אין זיין ברוסט,

פון קאַלטן ווײ און שטילע קלאָגן —
פון דעם האָט עליע ניט געוווּסט.
קײַן ווײכן קלאַנג פון קינדער־לידער
האָט ער אין וויגל ניט געהערט,
נאָר פאַלן אף דער ערד א מידער
אין קאַלטן גאַנג פון פרעמדע נעכט
איז גרויזאַם אים געווען באשערט.

5

אַלע טאָג לעמ שטילנ פּאַרקנ
האָט שטיל גערוישט דער שמאָלער שליאַכ,
אינ האַנדל־וואַנדל אפּ די מאַרקנ
פּאַרטאָג זײַנענ געווענ אַסאַכ.
אונ שטענדיק פלעגנ קרעכצנ רעדער
אפּ לאַנגנ סקריפּענדיקנ בריק,
אונ שטענדיק פלעג מענ מאַכנ לעדער
אינ איינונײַנציקער פאַבריק.

דורכ טירנ שמאָלע, שוואַרצע שויבנ,
מיט אויגנ ערגעצ ווײַט געווענדט.
מע פלעגט דאָרט אַרבעטנ אונ גלויבנ
אינ טיפע קרעפטנ פונ די הענט.
האָט עליע אויכ געאַרבעט לעדער,
ווי אַלע דאָ, ביז טיפער נאַכט,
מיט יוגנט דאָרפישער אינ סעדער
האָט עליע זומער־נעכט פאַרבראַכט.

דער ווינט פלעג וויינען אין זיין הארצן,
די קראפט פלעג שפארן פון די הענט.
צו שטיל געווען אין סאָד אין שווארצן,
צו ענג געווען אין שמאָלע ווענט.
און בלאָנדזשען פלעגן זיינע אויגן
און ס'האָט געטריפט זיין קראפט אומזיסט.
ס'האָט ערגעץ שטענדיק אים געצויגן,
וווהין האָט קיינער ניט געוווסט.

אַפ נייע טעג בא די ווארשטאטן
האָט מען אין פינצטערניש געווארט.
האָט עמעצער געדרוקט פלאקאטן,
פלעגט ער צעקלעפן זיי באנאכט.
און ווען געווען איז אן אסיפע,
בא קעלערס פול מיט דינאמיט,
אין נעכט, אין שנייִקע און טיפע
איז ער געשטאנען און געהיט.
קיין רעדעס האט ער ניט געהאלטן
און ניט געוואָרפן זיך מיט רייד,
נאָר טיף אין זיך האט ער באהאלטן
דעם שטילן אָטעם פון זיין פרייד.

. . . .

ער האָט געקענט אין א פרימאָרגן
א וואש טאָן זיך מיט פרישן שניי

און נאָכדעם גליטשן זיך אָן זאָרגן
אַפּ איַיז אַפּ גלאַטן א שאָ צוויי.
אַמאָל געפּאַקט א פערד א פרעמדן,
געטריבן אים ביז טיפער נאַכט,
ביז אפּ די לויפנדיקע ענדן
האָט די לעוואָנע זיך פארטראַכט.

. . . .

אַמאָל איז ער אין טײַך געשווומען,
האָט ווילד אַ שטורעם זיך פאַרדרייט,
אין לופט געהודעט האבן רייד:
„ער גייט צו גרונט, ער וועט ניט קומען!"
און כוואליעס האבן זיך געטראָגן
מיט ווילדן שוימענדיקן ברויז.

. . . .

נאר פּלוצלונג זעט מען עליען יאָגן
און עליע שפּרינגט פון טײַך ארויס.

. . . .

אַמאָל איז מען די שטאָט באַפאַלן,
א שווידער איז אַפּ גאַס ארופּ;
אפּ פײַכטע קעלערס און אפּ שטאַלן
איז דאַן געפאַלן עליעס רופ.

האָט עליע זײַן נאַגאַן גענומען,
און ביז די באַנדע איז געקומען,
איז שוין דאָס שטעטל גרייט געווען.

האָט שטיל געטריפט א בלויער רעגנ,
האָט שטיל געטריפט די קאַלטע זונ,
געפלויגנ זיַינען שוואַרצע פערד,
אונ פרעמדע קעפ פונ פרעמדע וועגנ
געפאַלנ זיַינען אפ דער ערד.

. . . .

ווער ווייסט ניט איצט פונ עליעס וווּנדער
אינ גאַנצנ אומרויִקנ קאַנט?
אַפילע קליינע, קליינע קינדער
איז עליעס נאָמענ שוינ באַקאַנט.

איז איינמאָל האט א שניי גערעגנט
אונ ס'האט געבענקט די ווײַסע ערד,
האָט ער א מרײַב געטאָן דאס פערד
אונ זיכ מיט קיינעמ ניט געזעגנט.
פונ קליינע פענצטער מאַטע אויגנ
באַלייט האבנ זיינ גרינגנ לויפ,
דאָס פערד איז שפּילעוודיק געפלויגנ
אונ האט פאַרלאָזט דעמ לעצטנ הויפ.
נאָר ערגעצ ווײַט אינ קאַלטע שויבנ
האָט א באַקאָנטער בליק געקילט,
אפ ווײַסנ פראָסט, אַפ קאַלטע שטויבנ
א הונט א לעצטער האט געבילט.
די שטאָט וועט קלענער אַלצ אונ קלענער,
אונ עליענ ווערט זי אַזוי ליב,
ס'איז יעדער זאַכ פונוויַיטנס שענער
אונ ליבער ווערט די אַלטע שטוב.

און אַזוי מילד האט אים געצויגן
אַהין צו אָפּגעקילטע טעג,
די קינדהייט פליט פאַר זײַנע אויגן
און יאָגט אים נאָך דעם גאנצן וועג.
נאָר קיינער הערט ניט איצט זײַן יאָגן
און עפּעס ווערט אים אזוי קאַלט,
ס'האָט נאָר דאס פערד אים ווילד געטראָגן
און האט געוועקט דעם ווײַסן וואַלד.

. . . .

פון אומעטום האט מען געשאָסן,
געציטערט האָט די גרויע וועלט,
און ס'האבן טעג זיך הייס געגאָסן
אַף יענעם ברענענדיקן פעלד.
איז עליע אויך מיט זיי געפלויגן
אין יענער רויכערדיקער שײַן,
אין זײַנע שמייכלדיקע אויגן
האָט קיינמאָל ניט געוווינט קיין פּײַן.
ער איז געווען פון שנייען קעלטער
און הייס ווי גליענדיקער שטאָל,
האָט ער פאַרליבט זיך אין די פעלדער,
ווי אין זײַן שטעטלדיקן טאָל.
איז יעדער וועג געוואָרן נײַער,
זײַן טראָט האָט פריילעכער געברענט.

. . . .

ער האט געוווסט, אַז לעשן פײַער
האָט מען מיט פײַער נאָר געקענט!

ער האט געוווּסט, אַז וועקן דרימל
האָט נאָר געקענט דער דולער שליאַך.
אַ לאַנגע צײַט, אַז הויכער הימל
איז אים געווען אַ ליבער דאַך.
ער האט זיך אויסגעלערנט שווײַגן
און זיצן שטיל אַנטקעגן זון,
אין טונקלען וואַלד, אַ הײַפל צווײַגן
איז אים זײַן בעסטע היים געווען.

און צווישן אַלע זײַנע שכיינים —
אוקרײַנער, טשעכן, — נאָר איין ייִד;
נאָר אומעטום מיט זיי אינײַנעם
האט ער געפײַפט דיזעלבע ליד.

. . . .

אַמאָל אין ראַשיקע פאַרנאַכטן,
אין שאָ פון פאַכעד און פון נויט,
ווען מענטשן מידע פלעגן וואַרטן
אין פרעמדע היימען אַפן טויט,
ווען איבער שטעטלעך בייזע וואָלקנס
געיאָגט האָבן די לעצטע נאַכט,
און נאָר די אומרויִקע פאָלקן
אהינצו רו האבן געבראַכט,
ווען דולע רײַטער פלעגן פליִען
מיט ווײַטן טופּ פון פלינקע פערד, —

פלעג על׳יענ גאָרניט אַזוי צי׳יענ,
ווי יענע ברענענדיקע נעכט,
ווענ פרעמדע מענטשנ פלעגנ פאַלנ
אינ ווײַטנ רויכעדיקנ שלאַכט,
ווענ קאַלטע, פינצטערע וואקזאַלנ
האָט מענ געצונדנ שפּעט באַנאַכט;
מיט פרעמדע שליאַכנ פלעגט ער יאָגנ
אונ ניט געפילט זיכ אינדערפרעמד,
אונ הייסע הערצער פלעגנ שלאָגנ
באַ יעדנ אונטער קאַלטנ העמד.

. . . .

אונ אלטע טרויעריקע פריידנ
האָט ער געצונדנ אפ זײַנ שווערד,
די וועלט איז גרויס אונ האָט פאַר יעדנ
אַהיימ א היימישע אפ דר׳ערד.
נאָר מענטשנ פלי׳ענ, מענטשנ גייענ,
אָט ערשט געווענ אונ שוינ אוועק,
אפ יענער ערד פלעג דער פאַרגייענ,
ווער ס׳האָט געשראָקנ זיכ פאַר שרעק.
ס׳איז יעדער גרייט צו זײַנ א קאָרבנ
אונ פאַלנ ערגעצ לעמ א פלויט,
אפ יענעמ פעלד איז דער געשטאָרבנ,
ווער ס׳איז געלאָפנ פונעמ טויט.

7

דער אַכטער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען,
און ס׳איז אין פאָלק קיין ברויט ניטאָ,
ס׳גייען אום די שווערסטע קלאַנגען
און שווערער ווערט פון שאָ צו שאָ.
—„מיר זיינען אַלע שנעלע רייטער
און יאָגן דאַרף מען סיוויסיי!״
—„נאָר וואָס וועט זיין, בראַטישקאַ, ווייטער? —
„אַזוי איז שטאַרבן ניט קעדיי.
„וואָס קאָן מען טאָן מיט אזאַ הונגער,
„כאָטש גיי ארום און שלינג דעם ווינט,
„און ווער קאָן איצטער מאַכן גרינגער,
„און ווער קאָן ראַטעווען אַצינד?
„און הער, ווי ס׳בעטן זיך די ציינער:
„ווו נעמט מען איצט א שטיקל ברויט,
„דו זעסט, ווי ס׳טריקענען די ביינער
„און געלער ווערט אַף מיר די הויט.

„דו זעסט, ווי ס'פֿאַלן אײַן די אויגן,
„ווי ס'ציטערן בײַ מיר די הענט.
„מיר זײַנען אויך אַמאָל געפֿלויגן
„און רײַכע פּאַלאַצן געברענט".
—„ניט שיין, ניט שיין איז איצטער קלאָגן
„און שטיל זיך שרעקן פֿאַרן טויט,
„אין ווײַטקייט פֿליִען ערגעץ צוגן
„און פֿירן העמדער אונדזז און ברויט.
„און גיך וועט אונדזער פֿאָלק זיך פֿרייען
„און ווידער בונטעוועו פֿאַרשײַט,
„עס בלאָנדזשען צוגן אין די שנייען,
„זיי זײַנען ערגעץ שוין ניט ווײַט.
„ניט שיין, ניט שיין איז איצטער קלאָגן
„און שטיל זיך שרעקן פֿאַרן טויט,
„דו הערסט, ווי ס'פֿײַפֿן דאָרט די צוגן
„און פֿירן העמדער אונדז און ברויט".

. . . .

ווער האט געקענט אָט דאָ זיך ריכטן
אַף אזא בראָך אינמיטן נאַכט,
ווער ס'האט געיאָגט מיט זיי ערשט נעכטן,
האָט הײַנט די אויגן שוין פֿאַרמאַכט.
די שרעק פֿלעגט וואַקסן אומגעהויער
און האט געיאָגט און האט געוויינט,
און אלע טאָג מיט שטילן טרויער
האָט מען אַ קאָרבן שטיל באַלייט.

מ'וואַרט, אז עמעצער זאָל קומענ,
נאָר קײנער קומט ניט כוצנ טויט;
פרימאָרגנס רויכעדיקע שווימענ,
אונ ברענגענ ברענגט מענ ניט קײַנ ברויט.

קאָנ זײַנ, אז ערגעצ בלאָנקענ צוגנ,
אַז ערגעצ רייניקט מענ דעמ שניי,
נאָר שווער איז שוינ דעמ הונגער טראָגנ,
ס'איז שווער דערוואַרטנ זיכ אפ זיי.

8

אין דאָרף א״ז דאָ איצט וואס צו עסנ,
אי פלייש, אי ברויט איז דאָרטנ דאָ,
אונ דאָ האט מענ אָנ פלייש פאַרגעסנ,
קײַנ שטיקל ברויט איז דאָ ניטאָ.
דאָס דאָרף איז הײַנט ניט בלוי, ניט זוניק
אונ שיקער פליט דער טונקלער טאָג;
אפ שליאַכנ רײַט ארומ טיוטיוניק
אונ טיפ אינ דערפל שטייט א קלאָג.
אַפ קרומע כאַטקעס הענגט א טרויער
אונ דאָרטנ ווייסט מענ ניט קײַנ רו,
מ׳פירט אַוועק באַמ אלטנ פויער
פונ קליינעמ שטאַל די לעצטע קו.
די זונ איז אָפגעשוומענ ווײַטער
אונ זיכ באַהאַלטנ לעמ א פלויט,
זי זעט — פונ ערגעצ פליט א רײַטער,
אַ רײַטער פליט אַהער נאָכ ברויט.

אינ טאָג אינ האַרבסטיקנ אינ שטילנ
איז קלאָר אונ דורכזיכטיק די הויכ,
א רײַטער טרײַבט א פערד א דולנ
אונ שטויבנ הייבנ אופ א רויכ.
פונ ווײַט האט זיכ א קאָפּ באַוויזנ
אונ נאָכ א קאָפּ אינ גרינעמ טאָל,
אונ ביקסנ, ביקסנ, לאַנגע שפּיצנ
אונ פרעמדע רײַטער אָנ א צאָל.
נאָר איינער האט זײַנ פערד געטריבנ
אונ פונקענ בליצנדע געשיט,
אַז פאַר די פרעמדע איז געבליבנ
אַ שוואַרצער שטויב פונ ווילדע טריט.

מ'האָט זיכ צעיאָגט פונ אַלע זײַטנ,
פונ טויט האט קיינער ניט געקלערט;
נאָר איינער שנײַדט די דולע ווײַטנ
אונ טרײַבט זײַנ הונגעריקנ פערד.

9

דאָס לאַנד איז גרויס מיט זײַנע וועגן
און רײַך מיט שנייען און מיט ברויט:
פאַר יעדער פעלד איז גרייט א רעגן,
פאַר יעדן מענטש איז גרייט א טויט.
אין גאַנג פון בלוילעכע פאַרטאָגן
האט יעדער וואַלד פאַרזוכט א שלאַכט;
ווי פּריילעך איז געווען צו יאָגן
אין יענע וועלדער שפּעט באַנאַכט!
ווער האט פאַרגעסן די געזאַנגען
פון יענע נעכט אין אַלטן טאָל,
און ווער ס'איז איין מאָל דאָרט געגאַנגען,
וועט דאָרטן זײַן צום צווייטן מאָל
און וועקן זינגענדיק דעם טומל,
וואס איז אין לײַב בא אונדז צעזייט...
וואָס טונקלער ווערט דער בלויער הימל,
אַלץ בלויער ווערט די טונקלע פרייד.

. . . .

אין הויכן פליט א שוואַרצער וואָלקן
און שיט דעם אומעט אף דער ערד,
ווער ווייסט ניט איצט קאָטאָווסקיס פאָלקן,
קאָטאָווסקיס רײַטער אף די פערד!
א שרעק האט אָנגעכאַפּט דעם סוינע
פאַר יעדן קלענסטן יאָג פון העלד,
נאָר איצט אַליין מיט פײַנט אזוינע,
וואָס קאָן ער טאָן אַליין אין פעלד.

. . . .

מ'האט אים געפּאַקט. מיט קאַלטע שפּיזן
געטריבן האט מען אים אין סטעפּ,
און דאָרטן האט מען אים באַוויזן
אַסאַך, אַסאַך באַקאַנטע קעפּ.

ער האט דערקענט זײַן בלאָנדן שאָכן,
דעם פײַפנדיקן פעדקע כלאָפּ,
דער קערפּער זײַנער איז צעשטאָכן
און ווײַט פון אים זײַן בלאָנדער קאָפּ.
און ווײַטער ליגט יוכים צעצויגן, —
ער האט יוכימען באַלד דערקענט, —
נאָר ווער האט אים פאַרמאַכט די אויגן
און ווער האט אָפּגעהאַקט די הענט;
פאַרוואָס־זשע קאָן ער ניט געפינען
יאַנסאַן, דעם לעצטן קאָמאַנדיר? —
ער איז אין האַרבסטיקן באַגינען
אַוועק אין דאָרף אַרײַן נאָך ביר.

מ'האט אים פון דעמאָלט ניט געזען,
געפלויגן זײַנען הייסע נעכט,
אין וואַלד, אין דעמבענע אַלייען
האט ער פאַרלאָזט זײַן ווײַסן פערד.

אָט ליגן זיי, די טויטע ריזן,
באַדעקט מיט שטויבן און מיט פראָסט.

. . . .

פון ערגעץ האט מען זיך באַוויזן
און לאַנג אים ליגן ניט געלאָזט.
אַ קלונג, א קלאפּ און מ'איז געקומען
מיט שטומע פּענעמער ווי שטיין;
מ'האט אים אין שטוב אריין פאַרנומען
און דאָרט פאַרשלאָסן אים אליין.

10

אינ דרויסנ האט א ווינט א ווילדער
געיאָגט פונ ערגעצ אונ געווייט,
אונ ווידער האבנ גרויע בילדער
פאַר אימ זיכ טרויעריק געדרייט.
ער האט דערפילט, אז אינ די שנייענ
אַמאָל פאַרלירנ עפעס לוינט ;
אינ טרויער שיקערנ פאַרגייענ
איז עליע ניט געוועננ געווינט.
זײַנ שטילנ גאַנג האט ער פאַרביטנ
אפ א צעשויבערטנ גאַלאָפ,
אונ איז געווינט, אַז ס'זאָלנ שיטנ
צעהיצטע קוילנ אַפ זײַנ קאָפ.
פאַרוואָס-זשע שלאָפנ רייד פארשײַטע ?
פאַרוואָס-זשע שווײַגנ זײַנע הענט ?
אונ ווידער האבנ בילדער ווײַטע
געדרייט זיכ שנייִק אפ די ווענט.

נאָר עפּעס קילט אַזוי אין האַרצן,
און עפּעס בּריט אזוי אין בּרוסט,
די פענצטער וויגן זיך אין שוואַרצן,
די ליפּן ציטערן אומזיסט.
ווער האט געוואַגט אהער אים שלעפּן,
אין בּרוסט איז פולוועס נאָך פאַראַן,
די האַנט איז גרייט א שאָס צעשטעפּן,
נאָר ווו ז׳זיַין בּלוילעכער נאַגאַן?
און טיף אין האַרצן טוט א ציטער
און אפ די שטיינער פאַלט א טרער:
פאַר זיַינע אויגן שטייט זיַין מוטער.
פונוואַנען קומט זי עס אהער?
און עפּעס ווערט אים אזוי טיַיער
פון יענע נעכט דער ליבּער ראַש.

. . . .

ווער ס׳האט די טעג פאַרבּראַכט אין פיַיער,
וועט זיך ניט שרעקן פאַרן אַש.

11

הימלענ דרעמלענדיקע שווײַגנ...

. . . .

האט מענ געפירט אימ קאַלט אונ שטומ,
עס פלאַקערנ די דינע צווײַגנ,
אונ ס'בליצט דער סטעפּישער אַרומ.
אינ סטעפּ איז לופטיקער אונ פרײַער,
אינ סטעפּ איז רויכעדיק אונ שוואַרצ;
מ'האט אימ געפירט, א ברייטער פײַער
האט שוינ געוואַרט אפ עליעס האַרצ.

אונ ערגעצ ווײַט האט מענ געזונגענ
א שטיל געזאַנג אינמיטנ נאַכט,
אונ טונקלער פלאַמ האט אַלצ פארשלונגענ.

. . . .

אַנ אַלטער ווינט האט אַלצ געלאַכט.

די הויך איז שוואַרץ, די הויך איז נאָענט,
אזוי דערבערענט דאָס לעצטע האַלץ;
פֿונ רויך, פֿונ טליִענדנ אונ גראָענ,
ער האט זיך אופגעהויבנ שטאָלצ
אונ האט אינ ציטערניש דערזעענ
נאָר פֿאַסמעס פֿליִענדיקנ רויך,
נאָר פֿונקענ בליצנדיקע ווייענ
אינ דער פֿאַרקילטער, שוואַרצער הויך.

. . . .

דער הימל אָטעמט מיט סאקאָנע
אונ שיקערט טומלענדיק די קעפּ.
די נאַכט איז פֿרעמד, אונ די לעוואָנע
אַנטלויפֿט א ווײַסע פֿונעמ סטעפּ.
ער האט געוואָלט נאך עפּעס זאָגנ,
נאָר עפּעס ציטערנ די הענט...

. . . .

אונ ביז ס'האט אָנגעהויבנ טאָגנ —
האט מידער פֿײַער שוינ דערבערענט.

12

קאָטאָווסקיס פאָלק אין שווערן הונגער
האט אַפּנ ברויט זיך ניט דערוואַרט;
אַף יענע פעלדער איז שוין גרינגער,
ס'האט שוין פאַרענדיקט זיך דער שלאַכט.
און דער, וואָס האט זײַן לײַב פאַרברענט,
האט איצט זײַן פערד אין סטעפ געטריבן.
פון עליען איז א ליד געבליבן,
האט זי דער סטעפ אליין געקענט.
און ווו איז עליע — ווייסט ניט קיינער,
קײַן גרוס האט קיינער ניט געבראַכט;
א פרעמדער ווינט האט זיינע ביינער
צעווייט מיט אַש אין יענער נאַכט.

קלאַרקייט

ס׳איז דאָ אַ ליד...

ס׳איז דאָ אַ ליד, זי איז נאָך ניט געבאָרן,
זי שטראָמט אין אונדז,
ווי ריטשקעס שטראָמען אין אַ טאָל;
די שאָ די הײַנטיקע איז ניט ווי פֿאַראַיאָרן,
די ליד די הײַנטיקע איז אויך ניט ווי אַמאָל.

מײַן האַרץ איז פֿול מיט קלאָרקייט און מיט הימנען;
איך ווייס:
אַ קלאָרקײַט איז פֿון קינדהייט מיר באַשערט,
ווײַל אַלץ, וואָס נעכטן איז געהאַנגען אַפֿן הימל,
איז הײַנט צעשלײַדערט שיקער אַף דער ערד.

דערפֿאַר איז גרינג אַף מײַנע שליאָכן שפּאַנען
און וואַרטן אַף דער קומענדיקער שאָ.
נאָר
וויפֿל דיכטער זײַנען שוין פֿאַראַנען
און קײַן לידער זײַנען נאָך ניטאָ.

ס'איז שאָטנ דאָ אינ אַלע קלאָרסטע קלאָרנ,
אונ צאַרטקייַט א'ז פֿאַראַנ אינ טיף פֿונ האַרטסטנ שטאָל;
ס'איז דאָ א ליד,
זי איז נאָכ ניט געבאָרנ,
זי שטראָמט אינ אונדז, ווי ריטשקעס שטראָמענ אינ א טאָל.

מיר איז לאַנג שוין נימעס

מיר איז לאַנג שוין נימעס הערן
זייער סקריפּ פון לוואָנעס און פון נאַכט;
טויזנט יאָר האָט מען באַזונגען שטערן
און ס'האָט קיינעם, קיינעם ניט געאַרט.

און ס'איז יעדערן געווען געפעלן,
און ס'האָט יעדערער געשטערנט אין זיין ליד;
זיבן יאָר, אַז איך באַזינג שינעלן,
זיינען דיכטער שוין געוואָרן מיד.

קלאָגט מען זיך: ס'איז איבעריק און נימעס—
פעלדער און שינעלן אָן א צאָל,
און מיט מידע, הייזעריקע שטימעס
זינגט מען ווידער ווי אַמאָל.

מיר איז לאַנג שוין נימעס הערן
זייער סקריפּ פון לוואָנעס און פון נאַכט;
טויזנט יאָר האָט מען באַזונגען שטערן
און ס'האָט קיינעם, קיינעם ניט געאַרט.

1926 י.

איך בין א היימישער

איך בין אפ די וועגן א היימישער,
איז אַלץ מיר דאָ קלאָר און באַקענט:
די גלײַכינקע שורעס די ביימערשע,
די הויכע, די שטאָטישע ווענט.

א לויטערקייט פיל איך דאָ רעגענען,
אַ קלאָרקייט א זויבערע בלאָזט
פון אַלץ, וואָס סע קומט מיר אַקעגן אָן,
פון אַלץ, וואס איך האב שוין פאַרלאָזט.

איז טרעפט נאָך אין הויפן פארשוווּנדענע,
אין שטענדיקן ראַש פון מײַן גיין,
באַגעגן איך דיכטער געפונדענע,
וואָס האַנדלען מיט שרעק און געוויין.

ווי שאָטנס פאַרלאָזטע, פאַרלאָרענע
זיי בלאָנקען פאַרדרימלט ארום,
און קוקן אפ פרישקייט געבאָרענער
צעשראָקן, פאַרווּנדערט און שטום.

זיי גייען ארום ווי פֿאַרבלאָנדזעטע,
מיט שטילע, פֿאַרלאָשענע טריט
און קוקן אפֿ פּלייצעס אפֿ בראָנדזענע
צעשראָקן, פֿאַרוווּנדערט און מיד.

איך גיי ניט אַרום קיין פֿאַרוווּנדערטער,
ווייל אַלץ איז מיר קלאָר און באַקענט,
איך פֿאָדער אין נאָמען פֿון הונדערטער:
וויינט ניט און ברעכט ניט די הענט!

און אַלץ, וואס סע קומט מיר אַקעגן אָן,
שריי איך: דעם פּלאָנטער פֿאַרלאָזט! —
א קלאָרקייט אפֿ אלץ זאָל דאָ רעגענען,
אויב פּראָסטקייט איז צו פֿאַר אייך פּראָסט!

לידער, לידער...

לידער, לידער,
קומט צו מיר,
שוואַרצע שורעס,
ווײַס פּאַפּיר.

ליבער אָוונט —
טונקלער זײַד,
ביסט שוין נאָענט,
ביסט ניט ווײַט.

טונקלער צימער,
ווײַסע שײַן.
ווערטער, ווערטער,
קומט אַרײַן!

ווערטער שטילע —
„ניט גערוט!
נאַט אײַך אומרו,
נאַט אײַך בלוט.

פרעמדע ווערטער
ווערן שווער,
יונגע ווערטער,
קומט אַהער!

יונגע ווערטער,
— רויטער ווייַן! —
לידער, לידער,
קומט אַרייַן '

בלינדער, זע!

בלינדער, זע! פאַרבליבן פון גערודער,
וויפל יאָנטעוו ליגט אינמיטן גאַס,
איז ניט נימעס הערן דיינע לידער
וועגן סטאַם און וועגן פוסט און וועגן פּאַס.

בלינדער, קוק! אומעטום, וווּ נאָר א טיר איז,
ווו דער ראַש האָט נאָר געצייכנט זיינע טריט —
וואַלגערן זיך הייסע קלינגענדיקע שורעס,
רייסן זיך די שורעס אין א ליד.

ווי איז דיר און ווי צו דיינע לידער,
האָסט פאַרשלאָפן אונדזער פרייד אינמיטן טאָג.
ניט אַזוינע דאַרפן מיינע ברידער
אינעם הייסן וויטערדיקן יאָג.

1925 י.

דעם דרויסן כאָלעמט זיך...

דעם דרויסן כאָלעמט זיך א שניי,
וואָס שיט זיך ווארעם אפ די דעכער.
האָסט מיר געזאָגט: איך גיי און גיי—
און בין נאָך אַלץ פון זיך ניט העכער.

צעזינגט זיך אָפט אין מיר א קינד
און שרײַט צו מיר און צו א דריטן:
איך וואָלט דײַן הויעכקייט אצינד
אַפ מײַנע ערדן ניט פאַרביטן.

איך האָב זיי ליב, די הויכע נעכט,
ווען ס'וויינט א ווינט אין בלויען בעכער,
גאָר כ'בין געוווינט צו אונדזער ערד,
איז שווער מיר טאַנצן אפ די דעכער.

איז זאָלן טאַנצן דאָרטן די,
וואס האבן ניט קיין פיס אפ שפאַנען;
זיי איז באשערט אין בלויסטן פריי
מיט בליקן הארבסטיקע פארוויאַנען.

און מיר איז גוט. איך וואַקס און גיי,
ווײַל ס'איז פֿון ערד הײַנט גאָרניט העכער,
דעם דרויסן כאָלעמט זיך א שניי,
וואָס שיט זיך וואָרעם אף די דעכער.

איך קאָן ניט זײַן באַשײדן

... איז ניט אומזיסט געגאַנגען
בין איך אין יענע טעג,
איך האָב אַזוי פֿיל קלאַנגען
געזאַמלט אין מײַן וועג.

פֿון וואָכעדיקע ערטער, —
א יאָנטעוודיקער גרוס.
איך האָב אַזוי פֿיל ווערטער
געזאַמלט אין מײַן ברוסט.

נו, קאָן איך זײַן באַשײדן
און שווײַגן ווי אַמאָל?
גלוסט זיך עפּעס רײדן,
רעד איך אַף א קאָל!

לידער אפֿ פּלויטנ...

אוי, איר, ווײַטע, פֿאַרכאָלעמטע ברידער
אינ צעריסענע רעקלעכ אונ שיכ,
איכ האב אפֿ פּלויטנ געשריבנ מײַנע לידער
ווענג זיכ אונ אזוינע ווי איכ.

איבער בלייקער ברייט פֿונ אוקראַינע
האָט געאָטעמט מײַנ ראַשיקער גאַנג,
זײַנענ לידער איצט מער שוינ ניט מײַנע,
אַלע זינגענ מײַנ פּראָסטנ געזאַנג.

אַלע, אַלע, וואָס קאָנענ זיכ פֿרייענ
אינ שווערע אונ רויִקע טעג.
אַלע זינגענ. איכ האב זיי געזעענ
אינ סטעפּעס, אינ וועלדער, אינ וועג.

זינגט־זשע, ווײַטע, פֿאַרכאָלעמטע ברידער
אינ צעריסענע רעקלעכ אונ שיכ,
מײַנע גרויע פֿאַרויכערטע לידער
ווענג זיכ אונ אזוינע ווי איכ.

1925 י.

זילבערנע טריט

כ'האב ליב זיי, די זילבערנע טריט,
די ווערטער די פעסטע און קלאָרע,
טיטשינע, טשומאַק און סאָסיורע, —
די נײַע אוקראַאינישע ליד.

כ'האב ליב די צעשאָטענע פרייד,
די לויטערע שורעס דערקענען
פון פרישע געזאַנגען, וואס זענען
באַ מיר און באַ אַלע צעזייט.

מיר לויבן דעם אייגענעם ווינט,
מיר האַסן דעם אייגענעם אָוונט;
איין שטאָלענער וועג איז אונדז נאָוונט,
איין לויטערער פאָדעם אונדז בינדט.

דערפאַר ווער איך קיינמאָל ניט מיד
פון ווערטער פון פעסטע און קלאָרע,
טיטשינע, טשומאַק און סאָסיורע —
די נײַע אוקראַאינישע ליד.

1926 י.

אין האַרץ מיינעם שמייכלט

אין האַרץ מײַנעם שמייכלט און טאָגט,
נאָר ליכטיק איז דאָ נאָך ניט שטענדיק.
גוט, וואס אין האַרץ מײַנעם טאָגט,
כ'האב נאָך מײַן ליד ניט פֿאַרענדיקט,
כ'האב נאָך מײַן וואָרט ניט דערזאָגט.

טרעפט זיך אמאָל, אז א ווינט
ברענגט מיר א גרוס פֿון מײַן ווינטער.
מיילע, וואס ארט מיך דער ווינט.
ווערן די יאָרן געזונטער,
זײַנען די לידער געזונט.

דאָרט, ווו ס'איז ליידיק און שווער,
טראָגן זיך פֿריידיקע קלאַנגען.
גיי איך ארום און איך הער,
ווער איך מיט יאָנטעוו באַהאַנגען,
דאָרט, ווו ס'איז ליידיק און שווער.

אין לאַנד מײַנעם שמייכלט און טאָגט,
נאָר ליכטיק איז דאָ נאָך ניט שטענדיק.
גוט, וואס אין לאַנד מײַנעם טאָגט,—
כ'האב נאָך מײַן ליד ניט פאַרענדיקט,
כ'האב נאָך מײַן וואָרט ניט דערזאָגט.

כ׳קאָנ ניט זינגענ שטילער...

װערטער װערנ פולער.
איכ בינ פריש אונ יונג.
כ׳קאָנ ניט זינגענ שטילער,
שטילער, װי איכ זינג.

כ׳הער, װי ס׳קלינגענ שלעסער
אפ מײַנ ברודערס הענט,
װי מע שאַרפט א מעסער
הינטער מײַנע װענט.

אונטער גרויע דעכער —
מײַנע הייסע טריט.
אויב ניט זינגענ העכער,
איז צו װאָס מײַנ ליד?

װערטער װערנ פולער.
איכ בינ פריש אונ יונג.
כ׳קאָנ ניט זינגענ שטילער,
שטילער, װי איכ זינג.

דאָרט, וווּ שווערדן פּאָכן

דאָרט, וווּ שווערדן פּאָכן,
דאָרט, וווּ קוילן טומלען —
בלויער אומרו רינט;
אין די גרויסטע וואָכן,
אונטער שווערסטע הימלען
ווער סע זוכט — געפינט!

אויב מע קאָן נאָר יונג זײַן —
איז גענוג נאָך זונ דאָ,
ווער סע זוכט — געפינט.
אונדזער וועג פאַר בלינדע
זאָל אַזוי שוין גרינג זײַן,
ווי ס׳איז גרינג דער ווינט.

וואָס האָבן אַלטע וועכטער
ביז אַהער באַוויזן? —
היטן אַלט און בלינד.
אויב ס׳איז שווער מיט ווערטער,
איז ניט שווער מיט שפּיזן.
ווער סע זוכט — געפינט!

אַזוי ווי געוועב

איך האב ניט פאַרלאָרן
אין אַש פון די יאָרן
מײַנע שטילע פאַרטײַעטע ברעג.
באַ יאַטן פאַרבליבן
אין הערצער פאַרשריבן,
אַזוי ווי געוועב.

מע האט מיך געוואָרנט:
מע טאָר ניט, מע טאָר ניט.
ווער האט אַזאַ פּראָסטקײַט געהערט.
מע האָט מיך געטריבן,
נאָר איך בין פאַרבליבן
אפ דר'ערד.

דערפאַר ווערן לידער
פון וועגן ניט מי'ער
און בלײַבן מיר ליב ווי געוועב.
איך האב ניט פאַרלאָרן
אין אש פון די יאָרן
מײַנע ברעג.

איכ טו א לייענ א פּושקינ...

איכ טו א לײענ א פּושקינ, צי א הײנע,
מיר זײַנענ אַלע נאָכ אזוינע קלײנע.

מיט זונ אונ פרײד איז אָנגעפּולט דער בעכער,
שורעס יונגע זײַנענ שאַרפּער פּונ א מעסער ;
פּינ וואָס איז הײַנט די נײַע ליד ניט העכער,
פּונ וואס איז הײַנט דאס פּראָסטע וואָרט ניט גרעסער?

נאָר אַלע זײַנענ מיר אזוינע קלײנע,
ווענ כ'טו אַ לײענ א פּושקינ, צי א הײנע.

ס'האט יעדער וואָרט פאַרזוכט פּונ יענע פלאַמענ,
איז יעדער וואָרט הײַנט אומרויִק אונ זיכער.
נאָר עפּעס בונטעווענ די גרינע גראַמענ,
אונ שורעס לויפּנ אומ ווי אינ א וויכער.

אונ אלע זײַנענ מיר אזוי קלײנע,
ווענ כ'טו א לײענ א פּושקינ, צי א הײנע.

נאָר זײַנ וועט אונדזער גרויסע לֿיד נאָכ גרעסער,
אונ קלֿינגענ וועט דאָס הויכע וואָרט נאָכ העכער,
ווײַלֿ יעדער שורע איז הײַנט שאַרפער פונ א מעסער,
ווײַלֿ פריידנ פרישע פילֿנ אָנ דעמ בעכער.

ווײַלֿ קומענ מוז א פּושקינ, צי א היינע
פונ קוזניעס רויכיקע, פונ דערפעלֿעכ פונ קלֿיינע!

פּראָסטע רייד

פֿלעגן זײַנען אַמאָל
לידער ניט געשריבענע,
מײַסעס אָן א צאָל
אָפֿן גאַס פֿאַרבליבענע.

האָט די נאַכט געבליצט,
פֿלעגן מיידלעך יאָמערן.
ווען מע זאָל כאָטש איצט
לייענען אונדז ווי שאָמערן.

כ'ווייס: צו יעדער פערז
דאַרף מען נאָך א זינגערן,
אונדזער וואָרט איז שווער —
מוז מען עס פֿאַרגרינגערן.

איך בין שטענדיק גרייט
אונדזער וואָרט נאָך לײַטערן,
נאָר פון פּראָסטע רייד
גלוסט זיך ניט דערווײַטערן.

אינדערוואָכנ

איך האָב קיינמאָל ניט געבלאָנדזעט...

איך האָב קיינמאָל ניט געבלאָנדזעט
אין מײַן קורצן שמייכלענדיקן לעבן.
לאַכט אין מיר מײַן האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך,
אַז איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רעבן.

נאָך דעם הייליקן רעב איציקל פון סקווירע
האָט געוואָלט מײַן זיידע איך זאָל הייסן,
איך זאָל דאַווענען און זינגען זמירעס
און צו טאָן האָבן מיט טפילן און טאַלייסים.

איך זאָל זײַן דער גרעסטער גוויר אין שטעטל,
און מײַן ווײַב זאָל זײַן די גרעסטע באַלעבאָסטע.
האָבן טעג מיט נעכט זיך וואָכעדיק געביטן
און געשוווּמען זײַנען יאָרן פּראָסטע...

האָט די זון געבענטשט מײַן לײַב מיט בראָנדזע,
און מיט שלאַכטן און מיט לידער רינט מײַן לעבן.
לאַכט אין מיר און קײַכט, ווען איך דערמאָן זיך,
אַז איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רעבן.

איך וויל ניט פֿאָדערן אַסאַך

איך וויל ניט פֿאָדערן אַסאַך,
מיר איז גענוג מײַן ביסל, ביסל,
כ'האָב פֿײַנט א שטיבל מיט א דאַך,
כ'האָב פֿײַנט א מענטשן מיט א שליסל.

נאָך פֿעלדער הייסע — פֿלאַם און רויך —
א צימער שטיל ווי א לעגענדע,
ס'איז ווײַס און פֿרײַ, ס'איז ברייט און הויך,
נאָר שכיינים לעבן דאָ ווי שטענדיק.

מע טרינקט ווי פֿריִער דעם בעסטן ווײַן,
מע רויכערט לאַנגע פּאַפּיראָסן.
זיי לעבן שטיל, זיי לעבן פֿײַן
און האָבן קיינמאָל ניט געשאָסן.

סע גליט אין מיר אַן אַלטער האַס
צו זייער טאָג און זייער לעבן.
וואָס שווײַגט דער וויכער אַפֿן גאַס,
וואָס האָט אמאָל זיי שוין געטריבן?!

עס וועט נאָכ פלאַקערנ דער דאַכ,
מיר וואַרטנ נאָך אפ ווײַטע גריסנ...
איכ וויל ניט פאָדערנ אַסאַכ,
מיר איז גענוג מײַנ אַביסל, ביסל...

192[illegible] י.

צו וואס איז די שרעק?

צו וואָס איז די שרעק פאַר די פרעסט,
פאַר די נעכט אפ פארשנייטע וואָקזאַלן?
ווערסטו שטעלן די פיס דיינע פעסט,
ווערסטו קיינמאָל אפ שליאַכן ניט פאַלן.

אין יעדער געבוירענער וואַנט
דערפיל איך די פרייד פון א שלאַכט־טאָג,
דער שליאַך איז דאָ קלאָר און באַקאַנט —
אַ האַק! — און א פענצטער איז פאַרטיק!

נו, הייסער, נו, גיכער דעם ברויז!
קאָן זיין, ווערסט אינ וועג אים נאָך זעען;
נו, איז וואס, אז די פרייד איז דאָ גרויס,
ווען מיר האבן קיין צייט ניט זיך פרייען.

צעוועק זי, די פרישקייט, אין זיך
פון דיינע פאַרלאָשענע קוואַלן,
ווערסטו שפאַנען אַנטשלאָסן און גיך,
ווערסטו קיינמאָל אפ שליאַכן ניט פאַלן.

1925 י.

אַ שטאָט איז פאַרשוווּנדנ

א שטאָט איז פאַרשוווּנדנ, א שטאָט איז פאַרברענט,
פאַרויכערטע פלעצער, פאַרסמאַליעטע ווענט.

צעכראַסטעטע הײַזער פאַרלאָשנ אונ פוסט,
פאַרסמאַליעטע לײַבער אינ אַש אונ אינ מיסט.

פונ שטאָט איז געבליבנ א גרוב אפ אַ גרוב,
האָט עמעצ פאַרגעסנ פאַרברענענ א שטוב.

א שטאָט איז געפאַלנ, א שטאָט האט געברענט,
פונ שטאָט איז געבליבנ א דאַך מיט פיר ווענט.

געווייט האָט מיט פײַער, געיאָגט האט מיט שרעק,
פונ כאָרעווער שטאָט זײַנענ אַלע אוועק.

איינ שטוב שטייט פאַריאָסעמט מיט טרויער אפ ווענט,
פאַרוואָס האָבנ רויבער די שטוב ניט פאַרברענט?

שטייט זי, די שטוב, אפ די כורוועס אלײנ,
איך הער, ווי סע ווײנט אינדערשטיל יעדער שטײנ.

3. איציק פעפער. 1680.

די הענט מײַנע שרײַען, די הענט זײַנען גרייט
באַזעצן מיט מויערס די כאָרעווע ברייט.

אַ שטאָט איז געפאַלן, א שטאָט האט געברענט,
פון שטאָט איז געבליבן א דאַך מיט פיר ווענט.

1925 י.

אָט איז דער ראָג

אָט איז דער ראָג, ווו ס'האָט אמאָל
געשפּילט א טרויעריקער בלינדער.
אָט ליגט דער טאָל, דער פּוסטער טאָל
און בענקט נאָך טאַנצנדיקע קינדער.

ווו אַלצדינג איז געווען ניט ליב,
ווו ס'פלעגן טעג און נעכט זיך בויגן,
האָט איצט אַ שייַן געטאָן א שטוב
מיט פענצטער לויטערע, ווי אויגן.

ווי שווער איז דאָ געווען אַמאָל,
ווען שוואַרצע קלויסטערס פלעגן קלינגען,
נאָר ווידער האט דער טונקעלער טאָל
מיט פרישע גראָזן זיך צעזינגען.

און יעדער וואָרט איז דאָרט פון שטאָל,
און יעדער טראָט איז דאָרט א וווּנדער, —
בייַ יענעם ראָג, ווו ס'האט אמאָל
געשפּילט אַ טרויעריקער בלינדער.

אַ כעוורע אין א טאָל

איך האב געזעען א כעוורע אין א טאָל
מיט פענעמער מיט אומעטיקע, שטילע
האָט האַרץ געטאָן א ציטער מיטאמאָל.—
מיר קענען פרעמדע שעצן אָן א צאָל
און היימישע באַמערקן ניט אַפילע...

מע זעט א לאַנד א קרעפטיקס און א גרייטס,
אַ לאַנד א הוילס זיך וואַשן און באַנייַען,
מע זעט, אף פעלדער בליט, ווי שטענדיק, ווייץ,
ווי שטענדיק, רוישן אין די שטעט טראַמווייַען.

צי ווייסן זיי, די געסט מיט בלייכע הענט,
דעם טאָג, ווען מ׳האט דאָס ווייץ געטראָטן,
ווען הייַזער גווירישע האט מען געברענט,
אין יעדער וואַלד האָט זיך א קייט צעשאָטן...

איך האב געזעען א כעוורע אין א טאָל
מיט פענעמער מיט אומעטיקע, שטילע
האָט האַרץ געטאָן א ציטער מיטאַמאָל.—
מיר קענען פרעמדע שעצן אָן א צאָל
און היימישע באַמערקן ניט אַפילע...

צעבּרען, צעהוליע זיך...

צעבּרען, צעהוליע זיך אין מיר, מײַן פֿײַער,
צעבּויטע זיך, מײַן שלאָפֿנדיקער ראַש,
אַלץ, וואָס כ׳האָב געזען, ווערט מיר טײַער,
ווי אַ פֿונק, וואָס ציטערט אויפֿן אַש.

ס׳וועלן הענט ניט ברעכן זיך אין ווייטיק,
אין מײַן לײַב איז פֿײַער נאָך פֿאַראַן,
פֿרישע וועגן שפּרייטן זיך און שפּרייטן,
דאַרף מען גרייט זײַן לאָזן זיך אין שפּאַן.

ערגעץ וואַקסן שוין די מאָרגנדיקע יונגען,
איך הער שוין רוישן מאָרגנדיק דאָס בלוט,
האָט מען יאָרן ליב געהאַט צו זינגען —
מעג מען ליב האָבן כאָטש שווײַגן אַ מינוט.

באַשערט איז יעדערן אַ וועג אַ נײַער,
איז וואָס, אַז פֿונקען ציטערן אויף אַש? —
צעבּרען, צעהוליע זיך אין מיר, מײַן פֿײַער,
צעבּויטע זיך, מײַן שלאָפֿנדיקער ראַש.

הײנט בינ איך שױנ צאַרטער

איך האב נאָך קײנמאָל ניט געפרײט זיך מיט מײַנ ציטער,
אונ האַרצ האט קײנמאָל ניט געיאָגט אזױ געשװינד.
נעכטנ האב איך זיך געדרײט װי א געװיטער,
הײַנט בינ איך שױנ צאַרטער פונ א װינט.

איך זע — מײַנ דולע שטאָט באַזילבערט איז מיט דרימל,
נאָר ס׳הױכט, סע װאַקסט, סע ברײטערט זיך די גאַס,
אונ אַקסלענ האבנ זיך א ריס געטאָנ צום הימל,
אונ ס׳האט אינ לײַב בא מיר גערוט דער קאַס.

האט עמעצער א שנײ צעשלײַדערט אױ די גאַסנ,
האָט גרינגע װאַרעמקײט מײַנ װעג באשײַנט,
איך האב די סאָנימ אױסגעלערנט האַסנ,
איז איצטער גרינגער ליב האָבנ די פרײַנט.

איך פרײ זיך, װי א צװײטער אונ א דריטער.
אונ טאַנצנ קענ איך, לאַכנ װי א קינד.
איך האב נאָך קײנמאָל ניט געפרײט זיך מיט מײַנ ציטער,
אונ האַרצ האָט קײנמאָל ניט געיאָגט אזױ געשװינד.

יעדער באַן

באַקענט איז מיר אין רוסלאַנד יעדער באַן
מיט פּעק, מיט טומלעניש, מיט גלעקער און מיט פאָנען;
א וועלכע ווערסט האט ניט פאַרזוכט מיין שפּאַן,
א וועלכע זון האט ניט געברענט מיין פּאָנעם.

כ'האב ליב געהאַט די קאַלטקייט פון די נעכט,
דאס וואַרטעניש אפ ווינטערדיקע באַנען,
דערווייל איז נאָך אפ קיילעכיקער ערד
אַ לאַנד אזאַ אינערגעץ ניט פאַראַנען.

בין איך געלאָפן איבער פעלדער, איבער שטעט,
מיט ברידערלעך מיט קויטיקע געפלויגן,
און איצטער ליגט דאס לאַנד און רופט און בעט
און פאָדערט פרישע הענט און פרישע אויגן.

ס'איז דאָ! ס'איז דאָ! מיר האבן זיי! פאַראַן!
דאס לאַנד וועט לאַנג ניט דאַרפן מאָנען.
באַקענט איז מיר אין רוסלאַנד יעדער באַן
מיט פּעק, מיט טומלענישי, מיט גלעקער און מיט פאָנען.

1925 י.

די גאַנצע וועלט

די גאַנצע וועלט איז מיר געפעלן
(כ׳בין נאָך ניט אומעטום געווען).
ווו כ׳זאָל מײַן יונגן טראָט ניט שטעלן,
איז דאָ פאַר מיר אַביסל זון.

נו, וואס־זשע טרויערסטו, מײַן ברודער,
נו, וואס־זשע וויינען דײַנע טריט?
— אָ, זע נאָר, וויפל זון און לידער
דרימלען טונקל אין דײַן בלוט.

אין שטילן סאמעטענעם אָוונט
קאָן יעדער באַרג מיר זײַן א שטוב,
ווײַל יעדער פעלז איז מיר דאָ נאָוונט
און יעדער סטעזשקע איז מיר ליב.

פאַרגעס די טרויעריקע שוועלן,
פאַרלאָז, פאַרגעס די טונקלע רו.
ווו כ׳זאָל מײַן יונגן טראָט ניט שטעלן —
אַביסל זון איז שטענדיק דאָ!

זינגט א קוועלכל

ינגט א קוועלכל, פרילינג לידלט,
פרילינג גרינט אונ בלומט אונ העלט,
האט דער ווינט מיך הײַנט געזידלט,
וואס איך שלעפ זיך אום אינ פעלד.

פוילט לעמ קאָרנ אַ טעפלושקע,
רופט די אופגעוואכטע ערד,
א פאַרבלאָנדזעטע פאַסטושקע
פליט אינ פעלד מיט זיבנ פערד.

ווערסטנ ניט פארזייטע וואַרטנ,
אפ מײַנ ארבעט וואַרט מײַנ היימ,
די פרימאָרגנס, די פאַרנאַכטנ
זיצ איך אָפ אינ פעלד אליינ.

פרילינג לידלט, פרילינג לידלט,
כ'האב פאַרגעסנ מײַנ געצעלט.
האָט דער ווינט מיך הײַנט געזידלט,
וואס איך שלעפ זיך אום אינ פעלד.

איך דאַרף מײַן בלוט

דעם נײַעם טאָג איך וועל אפסנײַ באַגריסן,
סע ברענט מײַן בלוט, ווי ס'ברענט די זון אין וועג,
איך וועל מײַן בלוט אין האַרצן ניט פאַרשליסן,
איך וועל מײַן בלוט אף הפקר ניט צעגיסן
אין הייסן גאַנג פון וואָכעדיקע טעג.

ווען הייסער גלאָק וועט הילכנדיק מיך רופן,
וועל איך אַוועק מיט שפּאַנענדיקער וועלט,
וועט הויכער גלאָק צעהוידען דרימלענדיקע טיפן,
וועט בלוט פון אומרויִקן קערפּער טריפן
אף וועראַטן קאַלטע פונעם הונגעריקן פעלד.

איך ווייס פאַרוואָס!
איך ווייס אין וועמען שיסן!
סע וואַרט שוין אף מײַן לײַב דעם טויטס שאַרפע שווערד,
סע וואַרטן הינט פאַרהונגערטע אף מײַנע הייסע גריסן.
איך וועל מײַן בלוט אף הפקר ניט צעגיסן,
איך דאַרף מײַן בלוט פאַר מאָרגנדיקער ערד.

מיר שווימען און שווימען...

דאָ האָט ניט קיין שטורעם געשטורעמט די שיפן,
דאָ האט ניט קיין ווינטל די כוואַליעס געשליפן,

מיר זיינען ערשט נעכטן אהערצו געקומען,
אַף נאַכטישע יאַמען מיר שווימען און שווימען.

מיר זיינען געקומען צו וויטקייט צו פוישער
מיט נעצן מ׳ט ברייטע, ווי בראָנדזענע פישער.

אין ראַשיקן אָפּגרונט פון יאַמישע טיפן —
דעטרינקענע שווימער, פאַרלוירענע שיפן.

אונדז שרעקט ניט די טיף פון די ווערסטן געהיימע,
מיר האָבן דעם פּאַכעד פאַרלאָזט אין די היימען.

מיר זיינען געקומען אין שטורעם אין שאַרפן
די ראַשיקע נעצן אין יאַמען צעוואַרפן.

און זאָלן זיי רוישן, די כוואַליעס, און שוימען,
מיר ווייסן דעם וועג פון די יאַמישע רוימען.

מיר זיינען ערשט נעכטן אַהערצו געקומען,
אַף ווערסטן אפ וויטע מיר שווימען און שווימען.

צו היימישע ווייטן

אַפֿ ווערסטן אַפֿ ברייטע, אפֿ כוואַליעס אפֿ גלאַטע
דערמאָנט זיך מײַן האַרץ אין מײַן אַלטיטשקער כאַטע,

אין שווימען אפֿ שיפֿן, אין שטורעם פֿאַרשײַטן
איך זיץ און איך כאָלעם פֿון היימישע ווײַטן.

לעם מיר, איבער מיר און פֿאָרויס און פֿונהינטן
בלאָזן פֿאַרבלאָנדזשעטע היימישע ווינטן.

ווינטעלעך, ווינטן, איך קאָן אײַך, איך זע אײַך,
איך פֿיל אײַער נאָענטן היימישן רייעך.

איך ווייס, ס'איז פֿאַראַנען א שיינקייט א צווייטע,
איך יאָג פֿון די שיפֿן אפֿ יאַמען אפֿ ברייטע.

סע האט פֿונדערהיים מיך א וויכער געטריבן,
ער האט זיך, דער וויכער, אין האַרצן פֿאַרקליבן.

מײַן כאַטע איז אַלט שוין און שמעקט מיט א טויטן,
און קרום זײַנען מײַנע אמאָליקע פּלויטן.

טאָ שווימט, מײַנע שיפֿן, אין שטורעם פֿאַרשײַטן,
טאָ יאָגט מיך, טאָ טראָגט מיך צו היימישע ווײַטן.

אָפּט פֿאַרנאַכט

אָפּט פֿאַרנאַכט צעגליט זיך אין מײַן בלוט
א הייסער טאָג, וואס איז שוין לאַנג פֿאַרגאַנגען,
צעשרײַען זיך אין מיר פֿארטראָטענע שוין טריט
און ס׳פֿרישן זיך אפּסנײַ פֿאַרלאָשענע געזאַנגען.

נאָר שטענדיק, ווען איך פֿיל די נאָענטקײַט פֿון שײַן,
דערמאָן איך זיך אין טעג, וואס פֿלעגן זיך נאָך שוואַרצן,
און דעמאָלט שלאָגט דאס בלוט ווי אומרויִקער ווײַן,
א יונגער גלאָק צעהוידעט זיך אין האַרצן.

דעמאָלט טוט א בויטע זיך אין מיר מײַן האַס
און טרובעס מעשענע פֿאַרבײַטן מײַנע פֿידלען,
און עפּעס גלוסט זיך מיר ארויס אינמיטן גאַס
און פֿאַקן עמעצן א בײַכיקן און זידלען.

איך ווייס, אז ס׳איז דערפֿאַר, וואָס מײַנע טריט
האָב איך מיט לידער היימלאָזע באַהאַנגען,
און עפּשער גאָר דערפֿאר, וואס אינעווייניק זידט
א הייסער טאָג, וואס איז שוין לאַנג פֿאַרגאנגען.

גיך איז מײַ

א טאָג, א וואָך,
און גיך איז מײַ.
סע שמעקט מיט פרילינג און מיט דאָרעמ,
נאָר ווײַט אין נאָענטן קיטײַ
איז רויש, איז ראַש,
איז בלוט
און שטורעמ.

איך האָב זי ליב, די פרישע שאָ,
די שאָ פון אומרויִקן ווארטן,
ווען אלץ איז דאָ,
און ס'איז ניטאָ,
און אלץ קומט אָן אין רויך פון שלאכטן.

די שמאָלע אויגן זעען ווײַט
אונטערן רויך פון טונקלע ברעמען,
די קויל איז גרייט
און פליט פארשײַט,
און טרעפן קאָן זי...

. . . .

ווער ווייסט ווענען?

. . . .

נאָר טרעפֿנ װעט זי פֿאָרט אהינ,
װוּ מ׳האָט דעמ װײַ אזוי געצויגנ;
אונ היט זיך, לאָנדאָנ אונ פּעקינ,
פֿאַר יענעמ ברויז פֿונ שמאָלע אויגנ!

מ ארט, 1927 י

ווידער ווינטער

ווידער ווינטער אי דאָ שוין, אי דאָרט.
א שניי פאַלט א קילער אפסניי.
וואָס־זשע קלינגט אזוי ווארעם דאָס וואָרט,
דאָס ראשיקע וואָרט —
שאַנכיי.

זיינען ווינטערדיק היינט מיינע טריט,
גלוסט זיך יאָגן אהער און אהין,
נאָר סע ברויזט אזוי גרויזאם דאס בלוט,
דאָס פאַרגאָסענע בלוט
אין נאַנקין.

ס'האט נעכטן געווארעמט די זון,
און איצט פאלט שוין ווידער א שניי;
פאַר אלץ, וואס איז דאָרטן געווען,
טוט אזוי וויי.

מישט זיך די נעכטיקע פרייד
מיט היינטיקן בלוט פון נאַנקין.

מיַין האַרץ, ווי אַ באָמבע, איז גרייט
א פלי טאָן אהין...

כ׳וואָלט דעמאָלט געטאָן אַ געשריי,
און ס׳וואָלט דעמאָלט צעיאָגט זיך מיַין שווערד.
ניט אין זון, ניט אין רויך, ניט אין שניי,
נאָר אין בלוט וואָלט געשווומען די ערד.

1927 י.

און זאָלן זיי זעען!

מיר זײַנען געגאַנגען
און זיינען געקומען.

און זאָלן זיי זעען,
ווי טויזנטער שפּאַנען
אף מונטערע גאַסן,
און זאָלן זיי זעען
מיט אומעט מיט קאַלטן
די טויזנטער פונקען,
וואס ליגן אין הערצער
אין הייסע באַהאַלטן.

און זאָלן זיי הערן,
ווי פאָנען דערציילן:

אין איינעם אווינטער,—
דערציילן די פאָנען,—
זיי זײַנען געלעגן
צעפליקט און צעטראָטן

אפ שנייִקע וועגן.
און יענע, וואָס האבן
די פאָנעז די רויטע
ווי פאַקלען געטראָגן,
זיי זײַנען געהאַנגען
אין בלוטיקן שווײַגן
אַפ פראָסטיקע ביימער,
אפ שנייִקע צווײַגן...

מיר זײַנען געגאַנגען
אַפ וועגן פאַרברענטע...
אַוועק איז דאָס ערשטע,
דאָס דריטע,
דאָס צענטע...

און זאָלן זיי זען,
ווי טויזנטער גייען
מיט בלוטיקע פאָנעז,
און זאָלן זיי הערן,
ווי טויזנטער זינגען,
און זאָלן זיי וויסן,
ווי טויזנטער מאָנען!

1927 י.

ווי א ברודער...

ס'וועט מײַנ אומרו קיינמאָל זיך ניט ענדיקן,
קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיך אינ וועג,
פונ מײַנ לויפנ פונ מײַנ שטענדיקן
פליִענ לופטיק יאָנטעוודיקע טעג.

לויפנ פיס אפ לאָנקעס ווײַטע, מונטערע,
פליט מײַנ קאָפּ אינ בלאָווג אומעטום.
וועט קיינמאָל קײַנ פראָסט מײַנ לײַב ניט ווינטערנ,
וועט קיינמאָל ניט שילטנ מיך די זונ.

גייענ כעוורע פריילעכ אונ פאַרהאָרעוועט,
טריפנ הענט מיט יאָנטעוודיקער מי,
אפ די פעלדער קאָסענ יונגענ קאָרענע —
איז מיר גוט פאַר יענע אונ פאַר די.

פונ מײַנ לויפנ פונ מײַנ שטענדיקן
פליִענ אומרו־פײַלנ אָנ א שיר,
ס'וועט מײַנ אומרו קיינמאָל זיך ניט ענדיקן,
ווי א ברודער בלאָנקעט ער מיט מיר.

1927 י.

לאָמיר זינגען

לאָמיר זינגען,
לאָמיר טראָגן די געזאַנגען,
לאָמיר גייען, לאָמיר גייען
אַף די העכסטע שווערסטע טרעפּ;
ס'איז נאָך קיינער ניט געגאַנגען
מיט אזוינע טריט פאַרשײַטע,
מיט אזוינע בליקן ווײַטע,
מיט אזוינע שטאָלצע קעפּ.

לאָמיר גייען,
לאָמיר פּויקן אין די טאַצן,
אַז די ווײַטן זאָלן שרײַען,
אַז ס'זאָל בונטעווען דאָס בלוט.

און באַנאַכט אין וויכן טונקל
נאָכן אומרו ווער איך שטייען
און באַקוקן שטיל דאָס ווינקל,
ווו מײַן ביקסל הענגט און רוט.

לאָמיר זינגען,
לאָמיר גייען,
ס'איז דער וועג מיט זון באַהאַנגען
און אַפֿ אַלטע כורוועס בליט.
ס'איז נאָך קיינער ניט געגאַנגען
אפֿ אזוינע טרעפּ פֿאַרדרייטע,
אַפֿ אזוינע פּלעצער ברייטע
מיט אזוינע פֿעסטע טריט!

אַפ שטײנער אונ אַפ שטויב

אינ וויַיסער שיַינ פונ קאַלטע שטערנ
איכ שטיי אפ טויטנ פלאַצ. איכ גלויב,
אַפ אש, אפ שטײנער אונ אפ שטויב,—
דאָ וועט א שטאָט א נײַע ווערנ.

אַפ פלאַצ מיט אָפּגעבּרענטע פּאַסנ,
ווו וויסטעניש איז שטרענג פאַרשפּאַרט,
ווו כורוועס מישנ זיכ מיט נאַכט,—
דאָ וועלנ וואַקסנ נײַע גאַסנ.

אינ שטאָט צעמישטע וינטנ יאָגנ,
אונ יעדער שאָ איז פוסט אונ שוואַרצ,
נאָר וידער וועט א פרײלעכ האַרצ
אינ לײַבּ פונ טויטער שטאָט זיכ שלאָגנ.

איכ שטיי אָט-דאָ. איכ וויס. איכ גלויבּ.
אינ וויַיסער שיַינ פונ קאַלטע שטערנ,—
דאָ מוז א שטאָט א נײַע ווערנ
אַפ אש, אפ שטײנער אונ אפ שטויבּ.

מאָסקוועער ווינט

אין קרעמל

אין קרעמל אין אַלטן,
אין שײַן פון פאַרנאַכטן
וואַכן די קליגסטע און לויטערסטע קעפּ.
סע אָטעמט דער קרעמל מיט פעלדער און שאַכטן,
סע גלאַנצט דאָ דער אָפּשײַן פון פרײַקע שלאַכטן,
סע זינגט דאָ מיט פרישן, מיט פרײלעכן סטעפּ.

פון קרעמל פון הויכן צעלויפן זיך שטאַנגען
אין זאַמדיקע סטעפּעס, אין ראַשיקע שטעט.
מ'איז שטענדיק פאַרגרייט דאָ מיט מײַ און געזאַנגען
פאַר זאַמדיקע סטעפּעס און ראַשיקע שטעט.
אין קרעמל אין אַלטן איז קײנמאָל ניט שפּעט!

קומט מען צום קרעמל, צום הויכן, פון שאַכטן,
קומט מען פון דערפער, פון שטעט און פון סטעפּ,
קומט מען זיך בענטשן פאַר קינפטיקע שלאַכטן.
אין קרעמל אין אַלטן, אין שײַן פון פאַרנאַכטן
וואַכן די קליגסטע און לויטערסטע קעפּ.

1925 י.

אַ ראַדיאָ צו אַלע

מאָסקווע, קרעמל.
א ראַדיאָ צו אַלע...
א שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער פאַלן
שוואַרצע ווערטער, גרויזאַמע אפּ הוילע קעפּ.

באַם פרישן קייווער שטייען מיר ווי קינדער,
און וועג איז אזוי ווײַט, און טאָג איז אזוי שוואַרץ;
ס'איז דאָ אזוי פיל פּראָסטער לעגינס וווּנדער
אין אונדזער שטאָלענעם און ווייענדיקן האַרץ.

מאָסקווע, קרעמל.
אַ ראדיאָ פון אַלע...
אַן אַנדער ראַדיאָ, א צווייטע ראַדיאָ פליט:
איליטש איז דאָ מיט אלע און באַ אַלע
אין אונדזער הייסן בלוט, אין שטרענגע קאַלטע טריט.

ס'איז דאָ א וואָרט, וואָס וועט א וועג אונדז ווײַזן,
און ס'לעבן מענטשן פּראָסטע אָן א צאָל.

ס'איז דאָ א לאַנד פון פעלדער און פון אײַזן —
אַ לעניג־לאַנד פון קאָרן און פון שטאָל.

מיר זײַנען אַלע דאָ.

צעווײנטע הערצער וואַכן
און הייס איז אונדער בלוט
און פעסט איז אונדזער לאַנד,
אין דערפער און אין שטעט, אף פעלדער און אף שליאַכן —
מיר זײַנען אומעטום
מיט לענינס פאָן אין האַנט.

אַ קוק אפ מאָסקווע

איך האב קיין וועגן קיינמאָל ניט געמאָסטן,
קיינמאָל ניט געבלאָנדזעט ווי א קינד.
קום מיט מיר אונ טו א קוק אפ מאָסקווע,
טו א זופ דעם מאָסקווער ווינט.

די שטאָט איז נאָך צעקלויסטערט אונ צעציילעמט
אונ קלאַנגען קלויסטערשע צעשיטן זיך אין שניי.
גיי אונ זע נאָר, וויפל, וויפל אוילעמ
שווימט פונ אומעטום צום מאַוזאָליי.

מע קומט אַהער פונ אַלע טיפסטע טיפן,—
אַ זופ, אַן אָטעם טאָן מיט מאָסקווער ווינט.
ס'איז יעדער טאָג מיט פריילעכקייט געשליפן,
אונ יעדער טראָט איז לויטער אונ געשווינד.

נאָר וויפל זיינען דאָ געפאַלן הייסע יונגע
אין יענע טעג פונ פריידן אונ פונ שרעק!
לעמ קרעמל האבן קלויסטערס זיך צעקלונגען,
פונ קרעמל זיינען ראַדיאָס אוועק.

1925 י.

איך האב קײַן װעגן קײנמאָל ניט געמאָסטן,
גרינג זײַנען אין הױפּטשטאָט מײַנע טריט.
קום מיט מיר און טו א קוק אף מאָסקװע, —
זע נאָר, װי די שטאָט האט זיך צעבליט!

לעם מאַוואָליי

א שטילער און פּראָסטער,
אַ שוויַיגיקער איך שטיי
אַף רויטן פּלאַץ פון מאָסקווע,
לעם לענינס מאַוואָליי.

פון שטעטל אַף אוקראַיַנע
אין ווינטערדיקער נאַכט
האסטו מיט ברידער מיַינע
אַהערצו מיך געבראַכט.

איך שטיי באַ דיַין צוקאָפּנס,
די אַלטע פאָן איז גרייט,
און ס׳טריפן שטילע טראָפּנס
פון טרויער און פון פרייד.

און ניט קיַין שאָטנס שוועבן
לעם שוויַיגיקן געביין.
דאָ שלאָגט אַ קוואַל פון לעבן,
דאָ לעבט דער טויט אליין!

סנאָפּעס

(פון בלאָקנאָט)

יונגע כאַלופקעס

יונגע כאַלופקעס מיט ווענטעלעך ווײַסע,
היימישע שטיבלעך אפ ווערסטנ אפ קרימער,
קומט אונ דערציילט אונדז א פריילעכע מײַסע,
וואָס קאָנ זיך פאַרלויפנ אינ איינעם א זומער.

אָ, איך געדענק אײַך אינצענטנ געבויגנ,
שטיבעלעך אַלטינקע, ווענטעלעך קרומע,
פענצטערלעך קליינינקע — טונקעלע אויגנ,
בלאָטיקע געסלעך מיט שטויב אונ מיט אומעט.

שטיבעלעך, שטיבלעך, ס'איז שווער אײַך דערקענענ,
ווער האט עס געמאַכט אזוי וואַרעם דעם זומער?
אפ ווערסטנ צעוואָרפענע פײַערלעך ברענענ,
פרישינקע שטיבלעך אפ ווערסטנ אפ קרימער.

אַ נאַקעטער יונג

טוט אַ קוק אויפן שטיבל, וואָס שטייט דאָ ניטוויַיט,
ווער האָט עס געבויעט, ווער האָט עס,
ווער האָט עס מיט ליים און מיט ציגל באַנייַט,
— אַ יונג פון די שטעטלשע בלאָטעס!

טוט אַ קוק אויפן פערדל, וואָס טאַנצט דאָרט אַליין,
ווער האָט עס געפּאַשעט, ווער האָט עס,
ווער האָט עס געמאַכט אַזוי יונג, אַזוי ריין?
— אַ יונג פון די שטעטלשע בלאָטעס!

טוט אַ קוק אויפן ברויט, ווי ס'איז היימיש און פריש,
ווער האָט עס מעלויצעט, ווער האָט עס,
ווער האָט עס פון פעלדער געבראַכט אויפן טיש?
— אַ יונג פון די שטעטלשע בלאָטעס!

1926 י.

דאָרט, ווּ גראָזנ זייַנענ נאַסער

דאָרט, ווּ גראָזנ זייַנענ נאַסער,
שטייט א קרעניצע פאַרטראַכט,
קומענ מיידלעכ ציִענ וואַסער
מיט די עמער אַלע נאַכט.

אונטער זונ, ווי ווייַסע בערג
וואַקסנ טעג אינ גרויסנ סאָד.
אונ אינ ווייַטקייט פונ די שטערנ
טאַנצנ יאַטנ אינ א ראָד.

פונ די סטעפּעס ווינטלעכ בלאָזנ
אונ א פייַערל דערברענט,
גייענ מיידלעכ אפ די גראָזנ
מיט די עמער אינ די הענט.

ווערט די לעוואָנע בלאַס אונ בלאַסער,
ערגעצ פּויקט מענ אינ דער נאַכט.
דאָרט, ווּ גראָזנ זייַנענ נאַסער,
שטייט א קרעניצע פאַרטראַכט.

מיט קאָרענער זאַטקייט

מיט קאָרענער זאַטקײַט אָטעמט דער סטעפ,
אָטעמט מיט ווײצענעמ ווונדער.
איכ זיצ אינ מײַנ קלײנינקנ צימער אונ שטעפ
העמדעלעכ צווײ פאַר די קינדער.

דער טאָג איז אוועק מיט זײַנ לויטערער היצ,
אַוועק אינ דער ווײַטקײַט פונ זומער,
העמדעלעכ פראָסטע פונ רויטינקנ ציצ
שטעפ איכ אינ קלײנינקנ צימער.

דער טאַטע וועט קומענ פונ פעלדער הײַנט שפעט,
ניטאָ איצט קײַנ צײַט אפ צו דרימלענ.
דו הערסט, ווי סע רוישנ אינ דער ווײַטקייט די שטעט,
ווי ס׳קלינגענ די קאָרענע הימלענ.

פונ יענער זײַט פענצטער כאָלעמט דער סטעפ,
כאָלעמט מיט וואָכיקנ ווונדער.
זיצ איכ אינ קלײנינקנ צימער אונ שטעפ
העמדעלעכ צווײ פאַר די קינדער.

1926 י.

אַ גרויסער יאָנטעוו

איז א גרויסער יאָנטעוו הײַנט אין יעדן הויף,
בושעווען די לידער, פרייען זיך בליקן;
מע האט געבראַכט א טראַקטער—נעמט מען זיך צונויף,
גייט מען אים באַגריסן און באַקוקן.

קומען אפן יאָנטעוו קינד-און קייט און אַלץ.
ליגט דער טראַקטער היימיש, מעכטיק און צופרידן,
טראָגט מען אים אנטקעגן אייגן ברויט און זאַלץ,
טאַנצן קאָמיוגיסטן, שמייכלען אַלטע ייִדן.

פרייען זיך די פעלדער מיטן גאַסט אפסנײַ,
אין די פרישע הויפן בונטעווען די הינער;
ס'איז אזוי הײַנט פריילעך, ס'איז אזוי הײַנט פרײַ,
און די גרינע גראָזן זײַנען, דאכט זיך, גרינער.

מ'האט געבראַכט א טראַקטער. פרייט זיך דער ארום.
בונטעווען די לידער, פרייען זיך בליקן,
קומען אַלטע פויערים פון דאָרף קעלום,
קומט מען אים באַגריסן און באַקוקן.

א גענדזענע ראָטע

א ייִנגל א פריילעכס,
אַן אַלטע קאַפּאָטע,
א ראָטע מיט גענדז,
א גענדזענע ראָטע.

אייגענע גענדז,
דאַרף מען ניט קויפן,
א ראָטע פון גענדז
אין זוניקע הויפן.

ווײַט איבער סטעפּעס
טריקנט א וואָלקן
היימישע סטעפּעס,
געגדזענע פאָלקן.

טריקנט א וואָלקן,
טריקנט א בלאָטע,
א ייִנגל א פריילעכס,
אַ געגדזענע ראָטע.

טוט די זונ א וואַרעמ

טוט די זונ א וואַרעמ,
טוט א ווינט א בלאָז,
הוידעט זיכ אַפ פעלדער בליִענדיקער קאָרנ;
אַפנ הויכנ באַרג אונ אפנ גרינעמ גראָז
שאַלט אַ ווײַטער האָרנ.

טוט א יאָג די סטאַדע,
טוט א פײַפ די ווײַט,
שיטנ זיכ די קלאַנגענ אַפנ זאַטנ קאָרנ,
פליִענ יונגע שעפעלעכ פונעמ באַרג פאַרשײַט.
שאַלט א ווײַטער האָרנ.

טוט א פערד א הירזשע אפ דער גאַנצער ברייט,
פאַלט די זונ פאַרשיקערט אפנ רײַפנ קאָרנ,
קערט זיכ אומ די סטאַדע, ווענ די זונ פאַרגייט.
שאַלט אַ ווײַטער האָרנ.

שמעקט מיט פאַרנאַכט

שמעקט מיט פאַרנאַכט דער ארום,
זאַנגגען פאַרכאָלעמטע לויפן,
טשערעדעס קערן זיך אום
אין היימישע הויפן.

א רעגן צעזינגט זיך און פאַלט
און לייגט זיך אף שטויביקע גראָזן,
פונוויַיטן, פון שמייכלענדן וואַלד
ווינטעלעך היימישע בלאָזן.

אין לייענשטיבל זינגט מען שוין לאַנג,
א ראַדיאָ שריַיט אינעם קוימען;
שיט זיך דאס פרישע געזאַנג
אַפ פעלדער, ווי זאַפטיקע זוימען.

דער הימל איז וואַרעם און שטום,
שטערן ווי ווייצן זיך שיטן;
שמעקט מיט פאַרנאַכט דער ארום,
מיט ברויטיקע פרישע מינוטן.

אַן אָוונט אין מײַ

אין אַן אָוונט אַ לויטערן, אַ שטילן —
אַזאַ אָוונט טרעפט נאָר אין מײַ —
איז געקומען אַ באָכער אין ברילן
אין דער יונגער קאָלאָניע כאַקלײַ.

מ'האָט דעם באָכער געפירט איבער שטיבלעך
און געציילט די פאַרדרימלטע פערד,
און ער האָט דערציילט אַזוי ליבלעך
וועגן לעצטן באַלאַנס פון קאָמערד.

געזעסן אין לייענשטיבל שפעטלעך,
ביז בלוילעכן גרוס פון גאַנצפרי,
גערעדט וועגן בלייִקע שטעטלעך,
וועגן אייגענער קרעפטיקער מי.

ווען די זון האט אין מאָרגן אין שטילן
די סטעפּעס געוואַרעמט אַפּסנײַ,
איז אוועק אָט־דער באָכער אין ברילן
פון דער יונגער קאָלאָניע כאַקלײַ.

זאַטע העגט

אונטער פענדל אונטער רויטנ
זאַטע העגט אוג זאַטע קעפּ,
אַפּ די פעלדער זינגענ ברויטנ:
— א גערעטעניש אינ סטעפּ.

ווער ס'איז דאָ אמאָל געגאַנגענ,
האט פאַרזייט דאָ זײַנע טריט,—
וואַרטנ וואָגיק פעטע זאַנגענ
אַפנ יאָנטעוודיקנ שניט.

פרישע גריסנ, יונגע יאָננ
אַפּ די פעלדער, אָוונט גרויט;
פאָרנ פויערים אַפּ וואָגנס
אונ מע פירט דאס נײַע ברויט.

ערגעץ־ווו נאָכ ציִענ נויטנ
אינעמ שטעטלדיקנ שלעפּ,
טאַנצנ הינער אפּ די פּלויטנ:
— א גערעטעניש אינ סטעפּ.

א מיטינג פון סנאָפּעס

א מיטינג פון סנאָפּעס!
שלאַנקע און הויכע מיט גאָלדענע בערד,
פון פעלדער אין הויפן סע לויפן די סנאָפּעס,—
א מיטינג פון סנאָפּעס
אפ אייגענער ערד.

ווּעמעס פערד איז דער בעסטער?
ווּעמעס פור איז די שענסטע?
א שמייס מיט דער בייטש און א פליי און א יאָג.
וואָס שווייגט איר? וואָס שלאָפט איר?
צעעפנט די פענצטער!
א מיטינג פון סנאָפּעס
אפ פעלדער פאַרטאָג!

פון פאַרטאָג ביז באַנאַכט, ביזן שיט פון די שטערן
מיט צעזינגענע אויגן און זוניקע קעפּ,
ווער סע גלויבט ניט — זאָל קומען,
זאָל קומען און הערן—
א מיטינג פון סנאָפּעס
אין לויטערן סטעפּ!

ס׳איז שיין דער אוקראַיִנישער סטעפּ

ס׳איז שיין דער אוקראַיִנישער סטעפּ,
און איך בין אין סטעפּ ניט קיין פרעמדער.
איך געדענק זיי, די מיידלשע צעפּ,
מיט די יִינגלעך אין פארביקע העמדער...

עס ווייט אזאַ סטעפּישער ווינט
און שורשעט מיט יאָנטעוו מיט ניַיעם,
כ׳וואָלט געוואָלט בא א שמייכלענדן קינד
אפּ שטענדיק דעם שמייכל אנטלייַען...

מייַן קערפּער איז פריש און געניט
און געווינט שוין צו רעגנס און שנייען,
אומעטום, וווּ איך שטעל מייַנע טריט,
וועלן מענטשן נאך גייען און גייען...

ס׳איז שיין דער אוקראַיִנישער סטעפּ,
און איך בין אין סטעפּ ניט קייַן פרעמדער.
איך געדענק זיי, די מיידלשע צעפּ,
מיט יונגענע אין פאַרביקע העמדער.

האט שטיל א בלאָז געטאָן

האט שטיל א בלאָז געטאָן אף מיר
מיט פרישקייט האַרבסטיקער פון זאַנגען,
האט ווינט צעעפנט היינט מיין טיר,
בין איך א גאַנצן טאָג געגאַנגען.

סע שמעקט מיט פרישקייט און מיט היי,
די קו איז זאַט, דאס ברויט געשניטן,
און אפן רוף פון ערשטן שניי
איז גרייט אַ נייער ווייסער שליטן.

דער זומער איז שוין באַלד ניטאָ,
נאָר פרישער כמוז איז דאָ אף הייצן,
און זאַלץ איז דאָ, און ברויט איז דאָ
ביז ערשטן גרוס פון נייע ווייצן.

איז אָפט צעשמייכלט זיך אין מיר
די פרישע ליד פון שטילע זאַנגען,
האט ווינט צעעפנט היינט מיין טיר,
בין איך א גאַנצן טאָג געגאַנגען.

זיצט מען אַלע לעם טיש

זיצט מען אלע לעם טיש
שטילערהייט,
איז די מאמע פארפאָרעט און רויטלעך.
א יאָנטעוו א גרויסער,
א פרייד
שפּאַרט פון די יונגעטשקע ברויטלעך.

דער טאַטע איז פריש און איז רויט,
ער זיצט אזוי פעסט
אינדערמיטן;
מע עסט היינט דאס ערשטע ברויט,
אליין עס געזייט
און געשניטן.

דערנאָך גייט די מאַמע געשווינד
די יונגע בעהיימקע צו מעלקן,
קאָן אָט־דער יאָנטעוו אַצינד,
קאָן
אָט־דער יאָנטעוו
פאַרוועלקן?

פֿאָנען אױף די פּלױטן

מ׳האט געזײט און מ׳האָט פֿאַרזײט,
װידער, װידער, װידער,
אין דער אַלטער סטעפּן־ברײט
רױשן נײַע לידער.

אין קאָלװירטישן ארום
װונדער־װינטן שפּילן,
אומעטום און אומעטום
זאַנגיקע קאדרילן...

גלאַנצט א מעסער און אין די נעכט
פֿון די טױטע מאָכן,
ס׳װעט דאָס מעסער שטעכן שלעכט,
ס׳איז זײַן שפּיץ צעבראָכן.

אין קאָלװירטישן געזאַנג
טוקן זיך די זאַנגען,
איז אַװעק אין סטעפּ אַ גאַנג
מיט אַ פֿרײד באַהאַנגען...

אונטער טראַקטערס אינדערברייט
ברעכנ זיכ די נויטנ,
איבער שטיבער גייט אַ פרייד,
פאָנענ אפ די פלויטנ...

הינטערוועגנס

וועגן באַהאַלטענע

וועגן באַהאַלטענע,
סטעזשקעס פאַרלאָזטע,
גיי איך
און גיי,
טריט מײַנע שרײַבן,
לידער פאַרבלײַבן
פוכיקע, ווײַסינקע, לופטיקע, פּראָסטע
לידער אפ שניי.

איך בין נאָך יונג,
טוט נאָך א יאָג,
טוט נאָך א זינג,
זינג איך צו דיר.

. . . .

פאָדערסטו לידער,
— נעמ זיי בא מיר!

ס'איז א פרייליכקייט פאַראַן

ס'איז א פריילעכקייט פאַראַן
אין מיינע אָוונטיקן בענקען.
קום אהערצו און דערמאָן
יענע טעג, וואס כ'פלעג דיר שענקען,
יענע נעכט, ווען כ'האב געגליט.
ס'איז ניט גרינג מיר אלץ געדענקען
אין מיינע אָוונטיקן בענקען,
ווען דיין קערפער מאָנט און ציט.

ווערטער האָב איך אָן א שיר,
אויגן האָב איך צוויי אינגאנצן.
מיידל, מיידל, קום צו מיר,
לאָמיר ווידערביידע טאַנצן.
האַרץ איז נאַקעט —
קום און נעם,
ס'איז מיר ליב דיין גרינגער קלעם.
ס'איז מיר ליב דיין יונגער נאַקעט,
וואס דערמאָנט, אַז איך בין יונג,
און פון הענט די ליבע קייטן,
וואָס פאַרקלעמען אַזוי גרינג...

. . . .

װען דער אָװנט שװימט אַרײַנ,
איז ניט גרינג מיר אַלץ געדענקענ.
ס'איז א פרײלעכקײַט פֿאַראַנ
אינ מײַנ אָװנטיקנ בענקענ.

אָט אַזוי

אָט אַזוי־אָ קומט זי שוין, די שאָ,
אָט אזוי שוין סקריפּעט זי, מײַן טיר;
גלוסט זיך ריידן, ווען דו ביסט ניטאָ,
גלוסט זיך שווײַגן, ווען דו ביסט לעם מיר.

נאָר קודלאַטע אָוונטיקע פרעסט
ליגן דאָרט און סקריפּען אַפן בריק,
ליגסטו אין מײַן צימער און פאַרגעסט,
אז ס'איז צײַט שוין גייען אין פאַבריק,

אַז געוועבן וואַרטן שוין פונלאַנג,
און מאַשינען בעטן: נעם און ניי.
. . . .
פאַר דײַן מילדן שלעפעריקן גאַנג
איז שוין גרייט אַן אָוונטיקער שניי.

און אזוי צעעפנט זיך מײַן טיר,
שטיל און גיך פאַרגייט זי, יענע שאָ,
און דו זיצסט נאָך, דאַכט זיך, נעבן מיר,
נאָר איך פיל שוין, אז דו ביסט ניטאָ.

פֿאַרלעש דעם טאָג

פֿאַרלעש דעם טאָג מיט דײַנע טונקלע שטאָרן,
פֿאַרלעש דײַן נאַקעט מיט דײַן ווײַסן העמד;
איך קען דיך שוין אַזוי פֿיל יונגע יאָרן,
און ביסט נאָך מיר ניט נימעס און ניט פֿרעמד.

פֿאַרלעש דעם בליק מיט דײַנע טונקעלע ברעמען,
פֿאַרלעש דײַן ברוסט מיט דײַנע ווײַסע הענט,
אָ! ווער קאָן וויסן, וויפֿל יונגע נעמען
האָסטו פֿאַר מיר צעוואָרפֿן און פֿאַרברענט.

איך בענק ניט נאָך דײַן לײַב, — איך האָב עס שוין געזען,
איך האָב זיי שוין געקושט, די כוואַליעסדיקע האָר,
נאָר גוט איז מיר מיט דיר פֿאַרבלײַבן דאָ אינצווייען
בײַ טאָג פֿאַרלאָשענעם מיט טונקלען שטאָר.

לאָמפּן שמייכלען

לאָמפּן שמייכלען נאָך, און מידע שאָען גייען,
אין די שענקען זופּט מען שוין דעם לעצטן ביר,
איבער מאָסקווע בלאָנקען מיר אינצווייען
און שמועסן שוין דאָביידע א שאָ פּיר.

אין קלאַנגען לעצטע שווימען נאָך טראַמווייען,
און מיידלעך כיינדלען זיך לעם שטילן סקוועד;
מיר וואָלטן וועלן לענגער זיך פאַרהייען,
און קלאַנגען לעצטע שווימען מיט טראַמווייען
און פלאַפּלען אָן א שיר לעם שטילן סקוועד.

איז גוט אין נאַכט אין לויטערער זיך קוקען
און וויסן, אז די נאַכט איז לויטער ניט אומזיסט,
דערמאָנסטו מיר אין שלאַכטן הייסע לעם סלאַוווטע,
אין קינדער־טעג צעשאָטענע אין מיסט.

אונדז כאָלעמען זיך נעכט פאַרכאָלעמטע מיט שנייען,
ס'איז דאָ פון וואָס דערציילן דיר און מיר.
לאָמפּן שמייכלען נאָך, און מידע שאָען גייען,
איבער מאָסקווע בלאָנקען מיר אינצווייען
און שמועסן שוין דאָ ביידע א שאָ פּיר.

זע איך דײַן ציטער

זע איך דײַן ציטער, קאָן איך ניט שווײַגן,
קאָן איך ניט שטייען, נעם איך און לויף,
מיר דראַפּען זיך בײדע אַף האַרבסטיקע צווײַגן,
אַף גילדענע ביימער אין אַלטיטשקן הויף.

איך קאָן ניט געדענקען און קאָן ניט פאַרגעסן,
ווער האָט אונדז אינצווייען געכאַפּט אין פאַרנאַרט,
ווען איך האָב צום ערשטן אין שטויביקן געסל
אַף טריט ניט־באַקאַנטע מיט אומרו געוואַרט.

א ניכטערער האַרבסט איז אין הויפן געלעגן,
נאָר ווײַט אינדערהויך איז געהאַנגען א שניי,
הענג איך און קוק אַף אנטלאָפענע וועגן,
מײַן האַרבסטיקע קינדהײַט דערזע איך אַף זיי.

מײַן האַרבסטיקע קינדהײַט אַף גילדענע צווײַגן,
פאַלט אונדזער אָטעם אין אַלטיטשקן הויף.
זע איך דײַן ציטער — קאָן איך ניט שווײַגן,
קאָן איך ניט שטייען — נעם איך און לויף.

געסלעך רויטע

געסלעך רויטע
לעשט דער שטילער אָוונט,
שטערן קילע
ווערן אַזוי נאָענט;
סטאַדעס ווינט
פאַרלויפן אין די רייען:
זייַ געזונט,
מיר װעלן זיך נאָך זעען.

ווען איך וועל פון שטעט
פון ווײַטע קומען,
וועסטו מיך באגעגענען
מיט בלומען;
דאָרשט און טרויער
וועלן שוין אַנטרינען,
און כ׳וועל דיך
א גליקלעכע געפינען.

הויכע זון
און שטילע רעגנס

וועלן דיך דערמאָנען
הינטערוועגנס ;
קילער ווינט
באַלייט מיך אין מײַנע גייען.
זײַ געזונט,
מיר וועלן זיך נאָך זען.

פרעמדקייט

פון יענעם הייסן יאָר
אפ שטענדיק איז פאַרבליבן
דער רויך פון דיינע האָר
אַפ אלץ, וואס כ'האב געשריבן.

ווער האט עס דיינע הענט
פאַרשמידט אין פרעמדע רינגען?
דו האָסט מיך קאַלט געברענט,
האָב איך דיר קאַלט געזונגען.

די הייסקייט פון דיין בליק
האט אופגעהערט מיך צינדן,
ניטאָ שוין אזאַ בריק,
וואָס קען אונדז נאָך פאַרבינדן.

איך האב מיט דיר פארשוועדט
די גויטיקסטע מעסלעסן,
די רינגען אפ די הענט —
איך קען זיי ניט פאַרגעסן.

א יאָר איז פאָרט א יאָר,
נאָר ס'ווערן טריט ניט מידער;
דער רויך פון דיינע האָר
אנטלויפט פון מיינע לידער.

אין אַזאַ אָוונט

אין אזאַ אָוונט אזאַ העלן
איז שווער צו זײַן מיט זיך אין שטוב.
כ׳בין יעדער מיידל היינט געפעלן,
און יעדער מיידל האט מיך ליב.

אין גאַס, אין סאָדישע אַלייען
איך גיי ארום און לויב די נאַכט,
און מיידלעך גייען, מיידלעך גייען
אין גאַס, אין סעדער און מע לאַכט.

די בלויע זומערדיקע הייכן
כאָלעמט זיך א קילער שניי,
אין אזא אָוונט אזאַ ווייכן,
ווו נעמט מען פושקינען צו זיי.

צו יענע קלינגענדיקע נעמען
מיט קורצן טראָט און לאַנגע צעפּ,
מיט מוטנע ריטשקעס אונטער ברעמען,
מיט הוטן ברייט אף שמאָלע קעפּ.

אין אזאַ אָוונט אזא העלן
איז שווער צו זײַן מיט זיך אין שטוב,
מיר זײַנען מיידלעך אויך געפעלן,
נאָר ניט אַזוינע האב איך ליב.

אין אַ פּראָסטיקער נאַכט

אין אַ פֿינצטערער סיטקע, אין אַ פּראָסטיקער נאַכט,
בלאָנדזשעט אַ מיידל אַ בלאָנדע און וואַרט.

אין אַ פֿינצטערער סיטקע גיי איך און גיי,
רופֿט מיך אַ מיידל צו זיך אַרויף אויף טיי.

רופֿט מיך אַ מיידל, גיי איך צו איר;
פֿאַרשנייט איז דער גאַנעק, פֿאַרווייט איז די טיר.

געעפֿנט דעם צימער. אין צימער איז שפּעט,
אַ טעפּיך אַן אַלטער, אַ טיש און אַ בעט.

זי בלאָזט אָפּ דער שײַן מיט אַ בלייכן געזיכט.
—„מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט פֿאַרלעשן די ליכט".

זשומעט דער פּרימוס און וואַרעמט די טיי,
פֿון יענער זײַט פֿענצטער שיט נאָך אַ שניי.

זי האָט מיך געבעטן דערלאַנגען דעם ווײַן,
אויסטאָן דאָס רעקל און לעשן די שײַן.

נאָר איכ בינ געזעסנ, האַרצ האט גענאָגט,
איכ האב זיכ געזעגנט אונ שטיל איר געזאָגט:

—„מע דארפ ניט, מע דארפ ניט פארלעשנ די ליכט,
איר האט מיכ אומזיסט אפ די גאַסנ געזוכט".

ליגנ אפ ליפּנ פארשוויגענע רייד,
זאָגט מיר דאס מיידל, אז טיי איז שוינ גרייט.

דאַנק איכ דעם מיידל דעם בלאָנדנ פאַר טיי.
פונ יענער זײַט פענצטער פאַלט נאָכ א שניי.

ווער איז שולדיק?

ווען איך גיי ארום באנאכט אין שלאָף פון שטעט,
ווען איך זע אַ מיידל בלאָנדזשען שפּעט,
ווער איך טונקל,
ווער איך בלייך,
ווער איך רויט
און א ציטער דרימלט אף מײַן הויט.

כ'ווייס ניט, ווער איז שולדיק:
איך, צי זי?

וויפל שמייכלען האט זי שוין צעשענקט,
וויפל נעמען האָט זי שוין פאַרברענט.
קומטן קוינים פון דער נאַכט און פונעם שענק,
קויפן קוינים:
קאַלטע אויגן,
קאַלטע קושן,
קאַלטע הענט.

כ'ווייס ניט, ווער איז שולדיק:
איך, צי זי?

מעסט זי נעכט אינ שלעפעריקע טעג,
אונ זי פילט ניט, ווי אונטער די פיס,
ווי פונ וועגנ אירע לויפט א וועג,
לויפט א וועג אונ טראָגט א פרישנ גרוס.

ווענ פאַבריקנ שלאָפנ — איז באנאַכט,
ווענ פאַבריקנ הודענ — ווערט גאנצפרי.

כ׳ווייס ניט, ווער איז שולדיק:
איכ, צי זי?

1926 י.

פון אַלטע העפטן

1925 — 1928

פלי, מיינ שליטנ!

פאַסטאָוו. אומאַנ. פלי, מײַנ שליטנ.
ווינטערדיקע שטעט.
שנייענ שוימענ, שנייענ שיטנ,
שטערנ שווימענ שפּעט.

פלי, מײַנ שליטנ, איבער שנייענ,
ברעכ אײַנ וועג דאס אײַז,
שוואַרצע הימלענ הויכע גייענ,
אונ די נאַכט איז ווײַס...

אויב עס וועט א שטיינ דיר שטערנ —
איבער אימ א שפּרונג!
אינ מײַנ ברוינעמ לײַב דעמ שווערנ
איז דאָס בלוט נאָכ יונג!

מײַנע פרײַנט זײַנענ צעווייעט
איבער אַלע שטעט
אונ מיט יעדערנ זיכ זעענ
קיינמאָל איז ניט שפּעט!

סקווירע. טאַלנע. אפ אוקראַיִנע
די לעוואָנע וואכט!
ווייַסע שנייענ מונטער שייַנענ —
כאַפּט דער רועב די נאַכט!

טוט קיילעכיק א קוק מיין אויג

מיט אויגן צוויי, מיט יונגע און געטרייַע
באַגעגן איך די פרישקייט פון מייַן דאָר,
איך זע די שטעט, דעם אופקום פון געבייַען,
איך שלינג די טעג, וואס האבן אונדז געקנאָטן,
די טעג, וואס האבן אונדז מיט מונטערקייט באשאָטן
און שיטן זילבער אף די האָר...

פון יעדער ווינט, וואס לויפט פאַרבייַ די פענצטער,
איז ליבער דער, וואָס קומט אריַין צו מיר,
פון יעדער האַרץ־פלאטער, פון יעדער פענ־ציטער
נעם איך צונויף דאס שענסטע פאַר די יאָרן,
כאָטש ס'טוט מיר באַנק, וואס איך בין יינגער ניט געוואָרן,
וואס ס'גייט אוועק די יוגנט דורך מייַן טיר...

ניין! בלויז אף די, וואס ווערן אויסגעליידיקט,
די עלטער הייבט אף זיי איר שווערע רוט...

. . . .

איך ווייס ניט פון קייַן צווייפל אף קייַן שיידוועג,
ס'טוט קייַלעכיק א קוק מייַן אויג אף אלע ווייַטן.
כאַווירים! פרייַנט! מיר וועלן קיינמאָל זיך ניט בייַטן,
ווי ס'בייַט זיך ניט די פאַרב פון אונדזער בלוט!

מע דאַרף זיך קענען פרייען!

מע דאַרף זיך קענען פרייען
מיט יעדער טראָפּן פרייד
און אומעטום דערזעען
דעם שאָטן, וואס פאַרגייט...

און אומעטום דערשפּירן
די צאַרטקייט אין באַפּעל,
די פריינטלעכקייט פון טירן,
וואָס דעקן אָפּ די שוועל...

די פרעמדקייטן פאַרבויגן,
פאַרציגלען אין די ווענט,
א שלינג טאָן מיט די אויגן
דעם יאָנטעוו פון די הענט!

אני קאַלטן שיט פון שנייען,
אין הייסן זונען־רעיד —
מע דאַרף זיך קענען פרייען
מיט יעדער טראָפּן פרייד!

!שאָען, פליט

קומען זיי, אזוינע שאָען,
קיל. בארוט.
דעמאָלט, ווען די ווערטער רוען,
איז ניט גוט...

גיי איך זיי ארויס אנטקעגנ.
!שאָען, פליט
הונדערט ווייַטנ, הונדערט וועגנ
!האָט מייַנ ליד

וועגנ וועט איר ניט פארשטעלנ.
באָמבעס. ברויז.
ווערטער מייַנע — אינ שינעלנ
גרוי אונ גרויס...

האט איר נאָכ אונטערנ זונ־סערפּ
אַזאַ לאַנד,
וואָס זאָל אויסשטרעקנ, ווי אונדזערס,
?אַזאַ האַנט

אַפ סטאַנציע ראמאדאַנ

קאַלטע נאַכט אפ סטאַנציע ראמאדאַנ,
קלומקעס, טישנ, בענקלעכ, אלצ אינײנעמ,
ווײַטע גרוסנ שיקט א ווײַטער באַנ.
קלומקעס, טישנ, איכ אונ מײַנע שכײנימ,
קאַלטע נאַכט אפ סטאַנציע ראמאדאַנ...

אינ די ווינקלענ ליגט מענ אונ מע וואַרט
ביז דער גלאָק וועט קלאַנגענ צוויי צעהענגענ,
ביז פונ ווײַטע פעלדער וועט די נאַכט,
וועט די נאַכט א צוג א קאַלטנ ברענגענ, —
ליגט מענ אינ די ווינקלענ אונ מע וואַרט...

פונ די שוואַרצע הימלענ פאַלט א שניי,
ווערנ ווייכ אונ ווײַס די גרויע רעלסנ,
בא די טישנ זופט מענ הייסע טיי
אונ מע לייענט די „פראוודא" אונ אועלסנ.
פונ די שוואַרצע הימלענ פאַלט א שניי...

*

קאַלטע נאַכט אפ סטאַנציע ראמאדאנ,
שטילקייט פליסט פונ דרימלענדיקע הימלענ,
וואס איז נאכ אַפ ראמאָדאַנ פאראַנ.
גלוסט זיכ בלעטערנ די צײַטונגענ אונ דרימלענ.
קאַלטע נאַכט אפ סטאַנציע ראמאדאַנ.

1926 י.

פעדעמלעך ווײ

װער מײנט אים,
װער דאַרף אים פאַרפּלאָנטען,
דעם שטויב אפן ציכטיקן שנײ,
אין גרויסן געװעב פון מײַן יאָנטעװ
פאַראן זײַנען פעדעמלעך װײ...

װער מײנט עס,
װער דאַרף עס באַהאַלטן,
ס'איז שטויב אפן שנײ נאָך פאַראַן,
נאָך װײניק אין הימל אין אַלטן
געצילט האט מײַן בלויער נאַגאַן...

װער מײנט אים,
װער דאַרף אים פאַרדעקן,
דעם שטויב אפן יונגן געזיכט,—
דער שטויב װעט שוין קײנעם ניט שרעקן,
פון אַלע צעפּענטעטע װעגן
גײט די צעפּענטעטע ליכט!

רויטער ווײַן

רויטער ווײַן אַף ווײַסע דעקן,
עפּעס טוט מיר אַזוי וויי,
איך דערמאָן זיך אין די פֿלעקן
אין די ווײַסע אָפּן שניי...

פֿאַלט אַ געלקייט אַף די גראָזן,
פֿאַלט אַ שאָטן אַף דער שײַן...
האָט זיך בלוט אַמאָל געגאָסן,
מעג זיך איצטער גיסן ווײַן!

ס'האָבן בעכערלעך געוווּנקען,
און געסקריפּעט האָט אַ ליד,
זעט נאָר: אומרויִקע פֿונקען
פֿון דער רויטקייט פֿאַרהיט!

אפן טייך

(עקספּראמט)

די סטודענטן פון זשיטאָמירער טעכניקום

ס'איז אזוי גוט און יאָנטעוודיק מיט אײַך,
עס גייט די צײַט און קיינער פרעגט ניט: וויפל,
און ס'וואָלט דער טעטערעוו — דער קלאָרער טײַך
געהוידעט רויִק אונדזער רויִק שיפל...

נאָך ווײַטע, קליינע פּינטעלעך פון פרייד
מיר קאָנען זיך כאדאָשים גאנצע יאָגן...
עס גייט דער טײַך, עס זינגט די ברייט
און אין די ברעגן כוואַליעס יאָנטעוו שלאָגן!

מיר דאכט, כ'וועל זעען הענגען אײַער וואָרט
אין אַלע סעדער אפ די צווײַגן,
ס'איז ביימער גוט: זיי שווײַגן ערגעץ דאָרט,
און אונדז איז גוט: מיר קאָנען שוין ניט שווײַגן!

נאַכן אורלויב

נאָך גרינע טעג באַם גרינגן טײַך
און שפּיל פון כוואַליקע באַגינענס,
בין איך צוריק
אין מײַן פאַבריק,
און בין מיט אײַך,
מײַנע מאַשינעס!

איך פיל אַ נײַע קראַפט אין לײַב,
די קראַפט פון טײַך,
פון זונען און לעוואָנעס...
אָן אײַך
בין איך מיט הארבסטן גלײַך,
מײַנע צעזונטע,
מונטערע
קאָלאָנעס!

ס'איז גוט, וואָס כ'האָב בײַ יענעם טײַך
זיך אויסגעלערנט קרעפטיק גרינען,
וואָס כ'קאָן די קרעפטן שענקען אײַך,
קאָלאָנעס הייסע
און מאַשינעס!

טשעפּעט ניט די ביימער!

טשעפּעט ניט די ביימער,
לאָזט זיי וואַקסן!
האַקט ניט אויס דעם וואַלד,—
ער איז נאָך יונג!

פון אַן אויסגעהאַקטן בוים דער קלונג
טוט אַ פאַל אויף מײַנע יונגע אַקסלען...

טשעפּעט ניט די ביימער,
ס'איז איצט מײַ!

שווער איז אויסהאַקן אַ בליִק וועלדל,
און נאָך שווערער איז פאַרזייען עס אויפסניַי!

אויב מע דאַרף אַ וועג פאַר נײַע רעלסן,
האַקט אַ וועג,
אַ שמאָלע סטעזשקע אויס!

אַלטע ביימער שטייען ווי די פעלדזן,
שווער און גרויס!

אַלטע ביימער דאַרפֿן מיר ניט מער,
אַלטע ביימער האַקן איז ניט שווער!

טשעפּעט ניט די ביימער,
אָט-די יוגנט! טשעפּעט ניט דעם מײַ!

שווער איז אויסהאַקן א בלייק וועלדל,
און נאָך שווערער איז פֿארזייען עס אפסנײַ!

ווען איך זאָל...

ווײל ער,
נעמט דער ווינט זיך שפּילן,
שטילער
טרײַבט ער זײַנע מילן;
ווײל ער,
פֿליט ער גאָר געשווינד,
דולער אָוונט,
דולער ווינט!

ווען איך זאָל א ווינט איצט ווערן,
כ'וואָלט געכאַפּט מײַן הייסע שווערד,
כ'וואָלט פֿון הויך געשניטן שטערן
און געטיילט זיי אַף דער ערד!

אין די בערג

בלאנקענדיקע בלויקייט
אויס און איין.
בלאנקענדיקע בלויקייט
שיינע שיין...

זינגענדיקע זונען,
רייטער, פערד.
זינגענדיקע זונען
אין די בערג...

וואָגלדיקע וואָלקנס
אוף און אָפּ.
וואָגלדיקע וואָלקנס
אפּ מיין קאָפּ!

בלאנקענדיקע בלויקייט,
פעלדז און שטיין.
העכער פון דער בלויקייט —
איך אליין...

מיר זיינען געגאַנגען אינדרייען

מיר זיינען געגאַנגען אינדרייען
מיט זון און מיט זומער באַלאָדן
צום יאַם צו דעם שווארצן זיך באָדן...

נאָך פלינקער פון טעג און טראַמווייען
נאָך אונדז זיינען זאַנגען געלאָפן,
מיר זיינען געגאַנגען אינדרייען...

דער יאַם איז בא ברעגן געשלאָפן,
מיר זיינען אים וועקן געקומען —
ווי אומעטיק איז ער, דער דרימל!

מיט סטעזשקעלעך פרישע און דינע
דורך פעלדער באַזונטע און גרינע
נאָך אונדז איז געגאַנגען דער הימל!

פון ווייט האָט געדרימלט מיין שטיבל...
מיר האָבן זיך אַלע גענומען
דעם יאַם פון'עם דרימל באַפרייען!

דער ווינט האָט אונדז מער ניט געטריבן,
מיר זיינען אַף כוואַליעס געבליבן
מיט זון און מיט זומער אינדרייען!

א שטיוול

כ׳לויף איבער בערגלעך און ריוון,
אף פארלאָשענע פעלדער אליין,
און פלוצלינג — אן איינזאמען שטיוול
דערזע איך באַנאַכט אף א שטיין...

ווער האט אים, דעם שטיוול, פארלאָרן,
און ווי איז דער נאָמען פון העלד,
און וויפל צעבלוטיקטע יאָרן
ליגט אט־דער שטיוול אין פעלד?

און עפשער נאָך בלוטיקע שלאכטן
פאַרשלעפט האט דעם שטיוול א הינט,
און זאָלן אים היטן פארנאַכטן
און זאָל אים באַוויינען דער ווינט...

ס׳וועט אמאָל נאָך מײַן שטיוול פארטראָגן,
פארשלעפן א הונט נאך א שלאַכט...
נו, איז וואס? — וועט א צווייטער זיך יאָגן,
אף פאַרלאָשענע פעלדער פון נאכט...

1925 י.

איך זינג און שלאָף

איך בין געוווינט צו הייסן פלאַטער,
צום שטילן פלאַטער פון ווײַסע ציין,
די שטאָט אוועק איז אין טעאַטער,
און איך וועל בלײַבן אינדערהיים...

מיר זיינען ווערטער באַקאַנט און נאָוונט,
זיי ליגן שטיל ווי מידע שאָף.
איך רײַס אָפּ שורעס דעם גרויען אָוונט,
איך רײַס אָפּ שורעס, איך זינג און שלאָף.

איך זינג און שלאָף. עס שלאָפן שטערן
און שטערן הענגען בײַ טונקלער טיר,
און ווערטער רוקן זיך ווי בערג,
א העפט א צווייטער שוין וואַרט אויף מיר...

די לידער ווערן באַרוטער, זאַטער,
ווי שווערע בערג, ווי שטילע שאָף,
די שטאָט צעגייט זיך פון טעאַטער,
און איך? —
איך זינג, איך זינג און שלאָף...

1926 י.

אָפּטמאָל

אָפּטמאָל ווײַזט זיך מיר אויס:
כ'האָב פֿאַרגעסן עפּעס פֿרעגן,
ווערן אויגן צעמישט און גרויס,
ווי אַ טײַך נאָך אַ רעגן...

אָפּטמאָל ווײַזט זיך מיר אויס:
כ'האָב פֿאַרגעסן עפּעס זאָגן,
טוען ווערטער אין בלוט אַ ברויז,
הייב איך אָן מײַנע פֿרײַנט דעריאָגן...

אָפּטמאָל ווײַזט זיך מיר אויס:
כ'האָב פֿאַרגעסן מיט זיך עפּעס ריידן,
מיט פֿײַנט איז מײַן אַזעס גרויס,
מיט פֿרײַנט בין איך שטענדיק באַשיידן...

צו א דיכטערן

דו וועבסט נאָך אַלץ די שוואַרצע שורעס אין דיין שיר
און וואַרעמסט זיי מיט ליבשאַפט און מיט טפילע,
איך זיץ און לייען און לייען זיך איין אין דיר
און זע ניט קיין בארעכטיקונג אפילע...

איך זיץ און טאַפּ און טאַפּ די טויטע רייד
און וויל א פּיצל לעבן כאָטש דערפילן,
נאָר ס'איז דיין ליד פאַרייניזאַמט און פאַרשנייט,
ווי דיינע איינזאַמע, פאַרוווינטערטע געפילן...

באַזינגסט די זון, די שטערן און דעם וואַלד,
נאָר עפּעס פעלט דיר אונטער זון און שטערן,
זיי מוחל מיר, וואָס איך בין היינט ברוטאַל,
מיר זאָגט דאָס האַרץ: דו מוזט אַ קאַלע ווערן!

א שוואַרצע טויב

איר האט אמאָל געזעהן א שוואַרצע טויב,
ווען אוטאָ לויפט
און ס'דרייען זיך די רעדער,
און ניט קיין הימל, ניט קיין וועג,
נאָר שטויב און שטויב,
וואָס יאָגט פון פעלדער
און פון סעדער.

איר האָט אַמאָל געזעהן א שוואַרצע טויב,
וואס קראַקעט ווי א קראָ,
ווען אוטאָ לויפט מיט פינצטערניש באהאנגען,
און פעלדער ליגן אומעטיק און נאַקעט,
און אומעטיק און נאקעט
ליגן זאַנגען.

איר האט אמאָל געזעהן א שוואַרצע טויב,
וואָס פליט און שרייט:
ער איז נאָך ווייט,
דער רעגן
איז נאָך ווייט...

און אווטאָ לויפט און ס׳דרייען זיך די רעדער
און ס׳דרייט און ס׳ווייט
מיט אָוונט און מיט שטויב.
איר האט אַמאָל געזען א שוואַרצע טויב?

ס׳אַ שטויב!

1928 י.

עס טרעפט אַמאָל אין וועג...

איך גיי ארום און שרײַ,
איך וויל, מע זאָל מיך הערן,
ס'איז מיר אזוי דאָ פרײַ,
ס'איז דאָ אזוי פיל שטערן!

פון זון דאָס רויטע בלוט
פאַרגייט אין מײַנע שויבן,
באזעצן זיך באַרוט
די ווערטער ווי די טויבן!

עס טרעפט אמאָל אין וועג,
ווען אומעט איז פארבאָטן,
אין פריילעכקייט פון טעג
פאַרגאַנווועט זיך א שאָטן!..

אָט גייט א היימלאָז קינד,
אָט ליגט לעם פלויט א שיקער,
די פריילעכקײַט פארשווינדט,
די אומעטקייט פארשיק איך...

איז שרײַ איך: גײ אוועק
אהינ צו פרעמדע שטאָקנ,
מיר האבנ זיך פאַר שרעק
אינ לעבנ ניט געשראָקנ...

פונ שרעק בינ איך באפרײַט,
א שאָטנ ווערט צערונענ;
מיר וויסנ דעם באַטײַט
פונ פינטעלעך אפ זונענ!

1926 י.

כ׳האב עס פיינט, דאָס לידל

נו, א טאָג, א טעגל! קוק נאָר אָנ די שטרעקעס,
ווי דער ווינט דער מאַמדזער שטיפט לעמ יעדער טיר,
ניט סע שפּילנ פידלענ, ניט סע קלונגענ גלעקער,
וואָס־זשע פאַר א לידל ציטערט הייַנט אינ מיר?

וואָס איז פאר א לידל?
כ׳האב עס ניט דערקענט דאָ...
ס׳איז דאָך ניט מייַנ ניגנ!
ס׳איז דאָך ניט מייַנ שפּראַך!
וואס האָט זיך געענדערט?
איך האב זיך געענדערט,
צי דער גרינער זומער,
צי דער בלויער דאַך?

וואס איז פאַר א לידל
אינ א טאָג פונ פרילינג?
אפ די ליפּנ מייַנע זיצט עס ווי א שעד!
ס׳האט פארפאַסט דאָס לידל עפּעס א קאדריל־יונג,
זינגענ עס די מענטשנ פונ די פרעמדע שטעט!

ס'האָבן הערצער יענע קיינמאָל ניט געזאָטן,
ס'האָבן אויגן יענע קיינמאָל ניט געברענט,
ס'האָט א ריז א גרויסער זייער טאָג צעטראָטן,
ס'האָט א קייט געפּענטעט זיי די ווייַסע הענט!

זינגען זיי דאָס לידל...
כ'האָב עס פייַנט ביז עקל!
היט זיך, מייַנע ליפּן, פון א פרעמדער ליד!
נו, א טאָג, א טעגל! קוק נאָר אָן די שטרעקעס,
ווי דער ווינט דער מאַמדזער שטיפּט מיט מייַנע טריט!

גאָלדענע כוואליעס

גאָלדענע כוואליעס, כוואליעס אין טאָל,
אַלע געדענקען מיר אײַך פון אמאָל...

אײַערע טיפקײַטן, אײַערע טעג,
אײַער שפילן לעם מאָכיקן ברעג...

אײַערע גלעקעלעך זײַנען פון זײַד,
אײַערע וואַסערן שטראָמען ניט ווײַט...

אלע געדענקען מיר אײַך פון אמאָל,
גלעזערנע כוואליעס, כוואליעס אין טאָל...

מאמע האט שוועסטערלעך מײַנע געוויגט.
שטעטל האט שטיל מיטן ווינט זיך געקריגט...

איר האט נאָר שטראָמען אין רוישן געוואָלט,
קויטיקע כוואליעס, כוואליעס פון גאָלד!

אַמאָל פלעגט איר טרויעריק שמייכלען צו מיר
און טראָגן מײַן שליופקע פון ווײַסן פּאַפיר...

אמאָל פֿלעגט איר פֿלוצלינג א כאַפּ טאָן מײַנ שיף
און טראָגנ זי װײַט און טראָגנ זי טיף...

אײַערע טיפקייטנ! זומפּנ און גראָז —
דאָס אײנציקע שפּילכל אינ טײַכל געלאָזט!

קלײנ איז דאס טײַכל, פּליטקע און שמאָל,
לויטערע כוואליעס, כוואליעס אינ טאָל!

ווי גוט איז, וואָס מיר לעבן!

אין לײַב פון שטעט, מיט וועגן לאַנג
דער שטאָלצער שפּאַן פון מײַנע ברידער,
געזייט האט מען דאָ פּראָסטן גאנג,
זײַנען געוואקסן גרויסע לידער!

אין לידער־וועג, אין ווידערוועגנס,
אין לאַנגע וויגעלעך פון טעג,
אין קלאַנג פון פרילינגדיקע רעגנס
איז אויסגעוואַקסן מײַן פאַרמעג!

די ווערטער פלאַטערן ווי פאַקלען,
אין הימלען שטעמפּלען זיך די טריט,
מיר ציִען אונטער די סאַכאַקלען
פון אונדזער יאָנטעוודיקן שניט!

מיר גייען ווײַטער מיט געזאַנג,
ווי גוט איז, וואס מיר לעבן, ברידער!
מיר וועלן זייען פּראָסטן גאנג,
און ס'וועלן וואַקסן גרויסע לידער!

די פרייד פון דער יוגנט.

איך האָב ניט קיין פּלאַץ,
איך האָב ניט קיין ווילע,
איך וווין אין אַ צימער
אַ קליינעם, אַ קאַלטן,
ווּעסט קומען אַ שלאַנקע,
אַ קלוגע, אַ שטילע,
און נאַכט וועט אונדז ביידע
פון לאָמפּן באַהאַלטן!..

דער טאָג האָט פאַרענדיקט
זיין מאַרש אַף די שליאַכן,
דער טאָג איז אַנטלאָפן
צו פינצטערע ווייטן,
מיר וועלן אינצווייען
דערציילן און לאַכן...

. . . .

וואָס קאָן אַזאַ אָוונט
אונדז ביידע פאַרביטן?

איכ האָב ניט קײַנ פּאַלאַצ
אונ וויל אימ ניט קאָנענ,
אינ טונקעלנ צימער
איז גוט אונדז אינצווייענ.

די פרייד פונ דער יוגנט
איכ זע אפ דײַנ פּאָנעמ,
איכ קאָנ אינעמ קלענסטנ
דאָס גרעסטע דערזעענ !

1926 י.

דײַן גרױע ליד

דו האָסט זיך שטענדיק צו דער ערד
פֿון אַלע הױכקײטן געצױגן,
איך האָב דורך שטעכן דערהערט
די גרױע ליד פֿון דײַנע אױגן...

די װײַסע שײַן פֿון דײַנע צײן
האָט אַלע װײַטן דורכגעשניטן,
האָסט מיך געבראַכט אַהײם אַלײן
אױף אַ פֿאַרשנײטן אַלטן שליטן...

האָסט מײַנע בלוטן ניט באַטרערט,
האָסט ניט געװײנט אױף מײַנע װוּנדן,
און ס׳האָט צו דיר און צו דער ערד
דײַן גרױע ליד מיך צוגעבונדן!

ווען ווייסער פראָסט

1

ווען ווײַסער פראָסט האט ריטשקעלעך געצויגן
און ווײַסער שניי האט צוגעדעקט דאָס פעלד,
מײַן טאָכטער האָט מיט אירע בלויע אויגן
דעם ערשטן קוק געטאָן אף אונדזער וועלט...

כ'האב זיך געשטיקט פון יינגלשן געלעכטער,
ווען ס'האט א קלונג געטאָן מײַן טאָכטערס קאָל...
וואס ווייסן זיי, די קינדערלעך, די טעכטער?
זיי וויינען נאָך, ווי מ'האט געוויינט אמאָל!

אף גאַסן שפּאַנען זינגענדיקע יונגען,
דער טאָג — אין זון, די גאָס צעהעלט,
קיינער האט אין געסל מײַנעם ניט געזונגען,
ווען כ'האָב דעם ערשטן קוק געטאָן אף אונדזער וועלט!

2

ס'איז שווער געווען אין יענע יאָרן.
אין אונדזער צײַט איז גאָרניט שווער,
ווער ס'איז אין אונדזער צײַט געבאָרן —
וועט זײַן געוויס א פּיאָנער!

מײַן קינד געפעלט דער קלאַנג פון שליטלען,
מיר דאכט, עס קוקט אפ מיר און רעדט,
סע הריגעט מיט די הוילע פיסלעך
און מורמלט מילכיק אפן בעט...

ווי זאָגט מען מײַנע גוטע ברודער,
וואס כ'ווינטש מײַן קינד אצינד (און זיך),
אז איידער שרײַבן שלעכטע לידער,
איז בעסער נייען גוטע שיך!

1925 י

מיין קינד

גייט מײַן בלאָנדעלע מיט סטעזשקעס גרינע,
אויגן פולינקע מיט קלוגן ווינט,
הינטער פלייצעס אירע — דער באגינען,
אונטער ברוסטן אירע וואקסט מײַן קינד...

פיסלעך, הענטלעך, ווי פאָדעם דינע,
לעבט א הערצעלע און קלאַפּט זיך בלינד,
הויך אפ אויגן אירע שטערן רינען,
אונטער ברוסטן אירע לעבט מײַן קינד.

שטעט צעוואַרפן זיך אפ די רויִנען,
גרויקייט שטרויענע פאַרגייט געשווינד,
שטייט מײַן בלאָנדעלע אפ הויכער בינע,
באַ די ברוסטן אירע ליגט מײַן קינד.

שויבן לויטערע! און אויס גאַרדינען!
ווײַטן לופטיקע מיט זון געשפינט...
איבער שטעטכן פון מײַן מעדינע
גייט מײַן בלאָנדעלע און פירט מײַן קינד!

אין אַלושטע

1

כ'בין באַרויגעז אף ווערטער אף דײַנע,
ווען דו זאגסט:
„ביסט א קינד און א שטיפער"—
דײַנע אויגן זיינען שוואַרצער פון מײַנע,
נאָר דײַן בליק איז פון מײַנעם ניט טיפער.

פאַר דײַן שיינקייט פארנעם בא מיר אלעס,
און דײַן ערנסט
די ווערט האָט א דרײַער,
מיר איז גוט מיט מײַן פרײלעכן דאלעס,
מיר איז וויל מיט מײַן קינדערשן פײַער.

דײַנע טריט זײַנען פלינקער און קלענער
פון מײַן טראָט
דעם פארטראַכטן און שווערן,
נאָר דײַן שמייכל איז טויזנט מאָל שענער
פונעם ערנסט, וואס קנייטשט דיר דעם שטערן.

2

אָ, איך ווייס עס: דו מוזט שוין זײַן ערנסט,
ס'האט אזוי דיר געהייסן דײַן פעטער.
נו, מיילע, נו, קוק אף די שטערן
און פּלאַפּל פון גריכישע געטער...

ס'האט אזוי דיר דײַן פעטער געהייסן,
און אויב מײַן געדולד וועט ניט קלעקן?
קיין נײַסן פון דיכטונג, מיר ווייסן,
וועסטו שוין פאר מיר ניט אנטדעקן!

איך קוש דיך א וואָך שוין, כ'קאָן שווערן,
און דו זאָגסט: „מיך האט קיינער געקושט נאָך",
אָ, דער געצוווּנגענער ערנסט
אף לוואָניקן ברעג פון אלושטע!

פאַרשיידענע שפּראַכן

לעם טונקלע פענצטער ציִען זיך די ווענט,
אין ווײַטע וואָלקנס טוקן זיך די דירעס,
האסט מיך ארומגעכאַפּט מיט דײַנע הענט,
האב איך געמיינט, אז דאס איז אירע.

די בליקן אירע האָב איך גוט געדענקט,
איך האב געדענקט די פרעמדקייט פון די אויגן,
נאָך אירע קושן האב איך ניט געבענקט,
זיי זײַנען ווי א בליץ אוועקגעפלויגן.

זי איז שוין ווײַט אצינדער (פראָסט גערעדט),
ווי אירע לאָקן, אירע אוירינגלעך, איר לאַכן,
אפילע גלעטנ האָט מען זיך געגלעט
אף צוויי פאַרשיידענע און ווײַטע שפּראַכן...

זײַ רויִק, עס האט שוין דורכגעברענט!
זי איז פאר מיר נאָר שטאָף פאר א סאטירע,
האסט מיך ארומגעכאַפּט מיט דײַנע הענט,
האב איך געמיינט, אז דאס איז אירע...

אין סעדל

זעץ זיך, מײַן בלאָנדע,
לעמ מיר אפּנ בענקל
אינ שטילינקנ סעדל,
לעמ אַלטנ טעאַטער...
עס רוישנ אקאַציעס
אינ שטילינקנ סעדל,
אונ סטעזשקעלעך שמעקנ
מיט בעז אונ מיט מיאַטע...
אינ דרויסנ איז זומער,
נאָר קיל איז אינ סעדל,
אונ קינדערלעך גייענ
אינ שיך אונ אינ רעקלעך,
עס פאָרנ בענדיוהעס
אפּ גאַסנ אפּ קילע
אונ ס'טראָגנ די טרעגער
פונ װעגער די פּעקלעך...
ס'איז זומער אינ דרויסנ,
נאר קיל איז אינ סעדל,
דער אַלטער טעאַטער
איז קאַלט אונ איז נאַקעט.

ארופּ איז אַ קראָ
אַפ דער טרוקענער רינווע
און קוקט אַפ דיביימער,
די קינדער, און קראַקעט...
דער רייעך פון אַקאַציעס,
די פריילעכע קינדער
אין גליקלעכע רעגעס
דערמאנענ אונדז ביידנ.
זעצ זיך, מיינ בלאָנדע,
לעמ מיר אפנ בענקל,
אין שטילינקנ סעדל,
איך וויל מיט דיר ריידנ...
איך וועל דיר דערציילנ
פונ רייזעס פונ מיינע,
ווי איך בינ געשוווּמענ,
ווי איך בינ געפאָרנ,
איך וויל דיר דערציילנ
פונ נעכט אפ אוקראַינע,
פונ שלאגלערשע הערצער
אינ רייפנ פונ יאָרנ...
דו ווילסט מיך ניט הערנ,
דו האסט ליב לעגענדעס,
ס׳געפעלנ דיר זייער
די אלטע ראָמאנענ,
געוויס איז אפילע

אין אַלטע מאַציִיוועס
א קערנ געווענ
אונ א קערנ פאראנענ...
אָט זעסטו, מײַנ בלאָנדע,
ווי ביכער פאַרדרייענ,
אָט זעסטו, מײַנ בלאָנדע,
ווי שטויבנ פאַרפירנ.
אַפ שטויבנ, אפ אלטקייט,
אַפ אַלטע לעגענדעס
קעדײַ דענ א רעגע
אפילע פאַרלירנ...
איכ וויל עס ניט הערנ,
דו ווילסט מיכ ניט הערנ,
עס שמעקט אינעמ סעדל
מיט בעז אונ מיט מיאַטע,
איכ האב עס פאַרגעסנ,
דו ווילסט מיר דערמאָנענ,
ער האט מיר א קאַרטל
געשריבנ, מײַנ טאַטע...
(מײַנ טײַערער טאַטע!)
ער שרײַבט מיר ניט זעלטנ...
עס ליגט שוינ דאס קאַרטל
א שאָק מיט מעסלעסנ
בא מיר אינעמ שיפלעד
פונ שרײַבטיש פונ מײַנעמ

און איך האָב עס לייענען
אַפּילו פֿאַרגעסן....
דו ביסט ניט צופֿרידן,
וואָס איך האָב פֿאַרגעסן,
און ביסט אַ בארויגעזע
זיצן געבליבן...
זעץ זיך, מײַן בלאָנדע,
לעם מיר אָפֿן בענקל,
דו האסט שוין דײַן מאַמען
אַ יאָר ניט געשריבן...
דער טאַטע, די מאַמע...
ווער קאָן זיי געדענקען?
דאָס אויג איז פֿאַרנומען,
דאָס האַרץ איז פֿאַרנומען...
עס בלײַבט ניט אַפּילו
קיין רעגע אויף בענקען,
אויף קינדערשע טרוימען,
אויף ייִנגלשן אומעט...
. . . .
. . . .
. . . .
דאָס אַלגינער געסל
איז גרין און איז בארגיק,
עס זײַנען די הויפֿלעך
פֿאַרצוימט מיט שטאַכעטן,

די מאַמעס שפּאַצירן
און היטן די קינדער,
פון געסעלעך פליִען
די מאַטאָציקלעטן...
האסט ווידער דײַן קאָפּ
אין א ביכל פאַרנורעט,
האסט ווידער דײַן אָוונט
אפ שורעס צעשניטן,
ביסט ווידער געגאנגען
מיט טרוימ אין די אויגן,
האָסט ווידער דײַן פײַער
אפ רויכן פארביטן...
איך זע עס, דאס לעבן,
אין ביכער צעשורעט,
איך זע דעמ צעסטראָפּעטן
פלאַקער פון שטרײַטן,
נאָר ווײ איז, מײַן בלאָנדע,
די דיכטערשע שטשורעס,
וואס ווילן דאס לעבן
אָפּ ביכער פאַרבײַטן!

וואס טרובעג דאָרט די טרויבנ?

וואס טרובעג דאָרט די טרויבנ,
ווער גייט דאָרט אונ ווער זינגט,
וואס הייבנ זיכ די שטויבנ,
וואָס טופּעט דאָרט דער ווינט?

וואָס איז פאַר א גערידער
אַפ קרעמערשנ פּאדאָל?—
מיט יאָנטעוו אונ מיט לידער
גייט דער קאָמסאָמאָל!

די שטיבעלעכ געלאַטעט
מיט ווינטנ אונ מיט ליימ...
וואס קרימענ זיכ די טאטעס
אונ רופנ אונדז אַהיימ?

ווענ קאָמסאָמאָלצעס ווימלענ,
פּויקט דער שפּעטער פּויק,
ביז ס׳עפּענענ די הימלענ
דאָס לוואָנעדיקע אויג...

וואס איז פאר א גערידער
אפ קרעמערשנ פאדאָל ? —
מיט יאָנטעוו אונ מיט לידער
גייט דער קאָמסאָמאָל !

איך האָב אים באַגעגנט

א שווימ טוענ אויגנ ווי זונ נאכ א רעגנ,
דער וינט טוט די ווערטער א ווײ אונ א שאַר:
— ווער־זשע איז „פּאר" אונ ווער איז דאָ „קעגנ"?
מיר זײַנענ פּאַר!

—„מיר וועלנ זײ ווײַזנ!" בא מוילקע ברעגנ
טוט ווידער א בלאַנקע א לאַנגער ציגאַר:
— ווער־זשע איז „פּאַר" אונ ווער איז דאָ „קעגנ".
מיר זײַנענ פּאַר!

—„מיר וועלנ באַזיגנ" פונ בלײַקע וועגנ,—
טוט ווידער דער פרילינג א רופ אונ א נאַר:
— ווער־זשע איז „פּאַר" אונ ווער איז דאָ „קעגנ".
מיר זײַנענ פּאר!

איך האָב אים באגעגנט אפ פעלדער אפ גרינע,
איך האָב אים באַגעגנט אינ הויכנ זאַוואָד.
איצט טראָגט זיך זײַנ קאָל פונ דער מײַיקער ביזנ
דער מײַיקער שטאָט!

אַכצן ווערסט

אַכצן ווערסט איז בּיז דער סטאַנציע,
שניי און שוידער אפן טראקט...
האָבן זיך צעוויגט פּאָוסטאנצעס
אפ די פּלייצעס פון דער נאַכט...

אַפ די ווערסטן די פּאַרשנייטע
שרײַט א פרעמדער בראָנעוויק,
אפן טײַך אין שטומען ווייטיק
האט פאַרבויגן זיך דער בריק...

אונטער פּעלצן פון פּאָוסטאנצעס
האבן הערצער זיך צערעדט,
איבער פעלדער לויפן סטאַנציעס
מיט די שנייען אין געוועט...

האָט א בראָנעוויק א צווייטער
זיך צעשריגן אפ דער נאַכט,
איבער ווערסטן די פּאַרשנייטע
האט א פײַער זיך צעלאַכט...

אכצנ וועֹרסט זײַנענ גענומענ.
ס'איז די סטאַנציע אפ אנ אָרט.
שנייענ שטומענ, וועֹרסטנ שטומענ,
א פאָווסטאנעצ נעמט א וואָרט...

מיר האָבן געשאָסן!

מיר האבן געשאָסן...
זײַן לײַב איז געפֿאַלן אין װעלדל אין שװערן,
די נאַכט האט געװיגט זיך אפֿ רעדלעך פֿון שטערן,
די נאַכט האט זיך טונקל אפֿ פֿעלדער געגאָסן...

געטרוימט האט דאס װעלדל...
איך האב זיך דערמאָנט אין די דולע געשלעגן,
ער האט אונדז געטריבן דורך יאַרן און װעגן,
איך האב זיך דערמאָנט די פֿארלאָרענע העלדן...
און ער האט געשאָסן...

דאָרט איז ער געלעגן פֿאר אויגן פֿאַר מײַנע
אין פֿינצטערן װעלדל, באַנאַכט אפֿ אוקראַינע,
די אויגן פֿאַרשלאָסן...
מיר האָבן געשאָסן...
דער שאָס האט די פֿינצטערע רוימען געריסן.
װי שװער איז דאס בלוט פֿון א מענטשן פֿאַרגיסן!

אויב איך װעל ניט שיסן —
װעט ער אין אונדז שיסן!

ווי לערער געניטע — די בערדיקע יאָרן.
איך קוק, וויפל ברידער מיר האבן פאַרלאָרן
אפ וועגן פאַרדרייטע, אין וועלדער אזוינע.

געטרוימט האט דאס וועלדל.
געטרוימט האבן רוימען.
ווי קאָן איך דאָ טרוימען!?

מיר זײַנען געשטאַנען אין וועלדל אנטשלאָסן...
מיר האבן געשאָסן!

אפ שנייקער ערד

א מונטערע שײַנ האט באלײט זײנע יאָרנ,
א וואָכיקע פרײד האט באווײט זײַנע טריט,
אַפ שנײיִקער ערד איז זײַנ אומרו געבאָרנ,
אינ רויכיקנ פעלד האט זײנ אומרו געבליט.

א נאכטישער פײַנט האט זײַנ קערפער צעלעכערט,
די זונ האט געגעסנ איר וואכיקע ליכט.
מײַנ טײַערע שוועסטער! אפ הויכקײט פונ דעכער
זע איכ אינ וואָלקנס דײַנ בלוטיק געזיכט...

אומזיסט איז דײַנ זוכנ אינ פרילינג אינ גרינעם,
איכ האב אימ געזעענ, ווענ טאָג האָט דערברענט,
אונ קענסט אימ, מײַנ ברודער, מיט טרויער געפינענ
אינ שטעטל אינ מײַנעם, לעם בוינישע ווענט...

א מונטערע שײַנ האט באלײט זײַנע יאָרנ,
א וואָכיקע פרײד האט באַווײט זײַנע טריט,
אפ שנײיִקער ערד איז זײַנ אומרו געבאָרנ,
לעמ בוינישע ווענט איז זײַנ אומרו פארשיט...

אַ טויטער זאַוואָד

א טויטער זאַוואָד, ווי א שוואַרצער סקעלעט,
קוקט מיט די לעכער די שווארצע אונ בעט:

קומט צו מיר אַלע אונ נעמט מיך אונ נעמט,
פייַער אונ פלאַם האט מייַנ קערפער פארקלעמט.

איך בינ ווייַט, איך בינ פרעמד, איך בינ טויט, איך בינ שוואַרצ,
גיט מיר אנ אָטעם אונ שענקט מיר א האַרצ.

אינ א בלוטיקנ פראָסט, אינ א בלוטיקער נאַכט
האט מענ טויערנ מייַנע אונ טירנ פאַרשפאַרט.

קומט צו מיר אַלע אונ נעמט מיך אונ נעמט,
פייַער אונ פלאַם האט מייַנ קערפער פאַרקלעמט.

זעט, ווי מייַנ קוימענ איז הויך אונ איז ברייט,
לאַנג האט מייַנ קוימענ זייַנ רופ ניט געשפרייט.

נאָך אַרבעט, נאָך מענטשנ איך שרייַ אונ איך בענק,
מענטשנ אונ שטעט אָנ מייַנ אומגליק געדענקט.

אזוי האט אינאָווונט אינ שטילנ גערעדט
א הויכער זאוואָד, ווי א שוואַרצער סקעלעט.

1927 י.

די נעמען פון בויער

צו וואָס און צו וועמען
דערמאָנען די נעמען,
זיי האָבן געשפּאַנט איבער גאַסן אַסאַך!
. . . .
דער ווינט האָט פאַרשריבן אפ אַשיקן שליאַך...

פון ווײַטקייט פון גרויער
געגאַנגען זײַנען בויער...
. . . .
זיי זײַנען געקומען אַהערצו באַנאַכט
און האָבן אי האַמערס, אי הערצער געבראַכט.

צו וואָס זאָלט איר פרעגן?
. . . .
פון ליכטיקע וועגן,
פון שטיינער, פון הערצער, פון בראָנדזענע הענט,
אזוי זײַנען האַסטיק געוואַקסן די ווענט!

די נעמען פון בויער
געדענקט יעדער מויער,
די נעמען פון בויער געדענקט יעדער וואנט

. . . .

די נעמען פון בויער — די זון פון פארבאַנד!

א שטילע שאָ

אף פּלעצער רוט
א שטילע שאָ,
אצינד איז גוט,
אַצינד איז גרינג,
און איך באזינג
די שטילע שאָ,
וואס שמעקט מיט שלאַכט!

באַזינג איך דאָ
די האנט, וואס שאפט,
די האַנט, וואס היט
מײַנ שטאָלצע רו,
די ג.פּ.או.
באזינג איך דאָ!

ווענ עמעצ הייבט
א פרעמדע האנט
אמאָל באַנאַכט,
אפ אונדזער לאַנד,

אפ אונדזער ליד,
זאָל זײַן געלויבט
די האַנט, וואָס היט
מײַן גרויסע רו,
וואָס שמעקט מיט שלאַכט: —

די ג. פּ. או.!

דער שוואַרצער רויש

מיר הערן אים, דעם שוואַרצן רויש
פון פּײַנט,

בײַ גרענעצן בײַ ברייטע,
דעם שוואַרצן קלאַנג פון שווערדן גרייטע,
און ס'ווילט זיך שרײַען
ברוסטיק־ברייט:

— ניט נאָר די הענט,—
די סטויפּעס אַף די וועגן,
די וועלדער און די טײַכן
זײַנען גרייט!

איז זאָלן אײַך די טעג די גליקלעכע, וואָס בליִען דאָ,
ניט רייצן!
מיר זײַנען רײַך מיט אײַזן און מיט ווייצן!
און רײַך איז דער פאַרבאַנד מיט וועלדער מיט געדיכטע!

און אויב קיין סטויפּעס וועלן דאָ ניט סטייען,
און אויב געהילצן וועלן דאָ ניט קלעקן
אָפּ די אָרנס —
איז האָט איר אונדזער ערלעך וואָרט:
ס'איז אונדזער ערד א גרויסע און א פרייע,
און יעדערער פון אייך וועט זיין באַוואָרנט
מיט אַ װאָרט!

ס'איז אונדזער ערד א גרויסע און א רייכע,
נאָר אויב ס'וועט ווינציק זיין פאַר אייך —
וועט זיך א הוידע טאָן דער מאָסקווע-טייך,
צעהוידען וועלן זיך
די וואָלגע, דניעפּער, דאָן,
זיי וועלן אייך פאַרשווענקען און פאַרפלייצן.

איז זאָלן אייך
די טעג די גליקלעכע, וואָס בליען דאָ,
ניט רייצן!

געפונענע פונקען

(פּאָעמע)

איך גיי און גיי,
איך פרעג ניט, וואָס און ווען,
ווייל קלאָר איז מיר דער זויסוועג פון די וועגן.
אוועק א יאָר,
און צוויי
און דריי
און צען,
דאָס נייע שפּאַנט מיט אָנשטרענג און מיט ברען,—
מיט לידער נייע
לויף איך דעם אַנטקעגן.

אַוועק א יאָר, און צוויי און דריי און נאָך,
האט יעדער יאָר פאַרצייכנט זיינע לידער.
אין שווערער פרייד פאַרגייט הײַנט יעדע וואָך,
נאָר ס'ווערן טריט פון שווערקייטן ניט מידער.

איך גיי און זע:
אַ אַש, אַ שטויב, אַ כורוועס
בלוט.
ס'איז יעדער קער מיט מונטערקייט באַהאַנגען,
ס'איז יעדער שפּאַן מיט מי און בלוט
פאַרהיט.
דאָס נייע שפּאַנט מיט גלויבנדיקע טריט,—
איך לויף אַקעגן אים
מיט זיכערע געזאַנגען.

דעם כאַווער און לעדער מ. ליטוואַקאָוון—מיט ליבע

עלטער ווערנ ביימער

אפנ ברעג דעמ גרויסנ

עלטער ווערנ ביימער אפנ ברעג דעמ גרויסנ,
קעלטער בלאָזנ ווינטנ אינעמ אַלטנ פּאַרק;
איבער אַלע ברעגנ גלאנצט דערזועלבער דרויסנ,
אונ דיזעלבע גראָזנ בליִענ אפנ באַרג.

ביינער ליגנ ערגעצ אינ די טיפסטע טיפנ,
קיינער ווייסט ניט ווענ אונ ווער האט זיי געבראַכט.
האָבנ זיי געלאָזט דאָ טאָטערנ, צי סקיפנ,
אָדער קאָמיוגיסטנ אינ א וויסטער נאַכט?

קומענ נייַע שיפלעכ פונ אַנטפּלעקטע ווייַטנ,
שווימענ אַלטע שיפלעכ אָפּ אַהינ, צוריק,
אונ אפּ ברעגנ גרויע הענגענ יונגע צייַטנ,
אונ אפּ ברעגנ אַלטע הענגט א נייַער בריק.

יונגענ אינ די טויזנט האבנ זיכ געשליפנ
אינעם אַלטנ אומרו פונעם דניעפּערס רו,
אינעם קאַלטנ אָטעם פונעם דניעפּערס טיפנ, —

. . . .

אונ אסאַכ פונ יענע זיינענ שוינ ניטאָ.

עלטער ווערנ ביימער אפנ ברעג דעם גרויסנ,
קעלטער בלאָזנ ווינטנ אינעם אַלטנ פּארק;
איבער אלע ברעגנ גלאַנצט דערזעלבער דרויסנ,
אונ דיזעלבע גראָזנ בליִענ אַפנ באַרג.

געוווינט איז דער דניעפּער

אזוי ווי סע בײַטן זיך טעג מיט פאַרנאַכטן,
בײַטן זיך אונדזערע מענטשלעכע טריט;
געוווינט איז דער דניעפּער צו ראַש און צו שלאַכטן,
געוווינט זײַנען ברעגן צו טויט און צו בלוט.

אַמאָל האָט כמעלניצקי געיאָגט און געצונדן,
מאַזעפּע האט אויך דאָ זיין נאָמען פאַרקריצט.
יאָרן פאַרגייען און מאַכנעס פאַרשווינדן,
נאָר נעמען פאַרבליבן, פאַרשריבן ביז איצט.

פון גאָנטען איז אויך א לעגענדע פארבליבן,
געדענקען נאָך אלע זײַן ראַשיקן וועג,
מיט בלוט און מיט טויט האט דער דניעפּער פאַרטריבן,
האט דער דניעפּער פאַריאָגט די פאַרגאַנגענע טעג.

און ברעטלעך און שטיינדלעך און אלטיטשקע קוואָרים,
וואס ליגן און פוילן אין פרייִקער זון,
דערמאנען, אז דאָ האט געהוליעט א שטורעם,
דערמאנען, אז דאָ זײַנען מענטשן געווען.

אַזוי ווי סע בײַטן זיך טעג מיט פאַרנאַכטן,
בײַטן זיך אונדזערע מענטשלעכע טריט;
געווינט איז דער דניעפּער צו ראַש און צו שלאַכטן,
געווינט זײַנען ברעגן צו טויט און צו בלוט.

רײַכ זײַנען ברעגנ

רײַכ זײַנען ברעגנ מיט גאָלדענער בליִונג,
מיט פעלדער און גערטנער, מיט ברויט און קאַרטאָפל,
מיט אוגערקעס גרינע און מאַלינעס רויטע.
און רײַכ זײַנען ברעגנ מיט סעדער מיט ווײַסע,
מיט ביימער באַהאַנגענ מיט עפל און באַרנ,
מיט קאַרשנ ווי אויגנ, און פערשקעלעכ געלע.
און קינדערלעכ שפּרינגען און קינדערלעכ טאַנצנ
אפ אוראַלטע ברעגנ מיט דערפער און שטעטלעכ,
מיט שטרויענע דעכער און בלעכענע דעכער,
מיט שטיבעלעכ קליינע, אָנ דעכער אײנגאַנצנ.
און רײַכ זײַנען ברעגנ מיט נײַע פאַבריקנ,
מיט קוימענעס הויכע און רויכנ געדיכטע,
מיט ארבעטער טונקלע און ארבעטער ברוינע —
ליגט זיכ דער טײַכ אינ פאַרנאַכטנ אזוינע.
טראָגנ זיכ לידער פונ אלע פיר זײַטנ,
פונ סעדער פונ ווײַטע, פונ יונגע אלייען,
פונ גראָזנ צעבליטע, פונ ביימער פונ הויכע,
מיט קעפ אינ די הויכנ די בלויע פאַריסנ.
פונ ווינקעלעכ טויבע און ווינקעלעכ נײַע

האַרמאָשקעס צעטראָגנ פאַרנאַכטיקע גריסנ.
ריַיכ זײַנענ ברעגנ מיט אָרעמקייט גרויסער,
מיט נאַקעטע טעג אונ מיט דאָרשטיקע וואָכנ,
מיט לעוואָניקע נעכט אונ באַזונטע מעסלעסנ.
צי קענ מענ פאַרלאָזנ, צי קענ מענ פאַרגעסנ
די זוניקע טעג אונ די לעוואָניקע נעכט,
וואס ליגנ אפ אוראַלטע ברעגנ פאַרקלערט ? !

Чуден Днепр при тихой погоде

Н. Гоголь

שיינ איז דער דניעפּער — האָט גאָגאָל געזאָגט.
האָט גאָגאָל געזאָגט און איז הײַנט נאָכ גערעכט.

נאָר אַמאָל, ווענ באַמ טײַכ האָט שוינ לאַנג ניט געטאָגט,
האָט שוינ לאַנג ניט געטאָגט, און געפּענטעטע נעכט
האבנ גרויזאַמ געיאָגט אַפנ פינצטערנ ברעג,
און געוויינט האט דער באַרג און גערוישט האבנ טעג...

און אַמאָל, ווענ באַמ טײַכ האָט שוינ לאַנג ניט געטאָגט,
און שטאָט איז געלעגנ אינ פלאַמ און אינ רויכ,
און וואָלקנס זיי האבנ געגאָסנ פונ הויכ,
געגאָסנ אפ גאַסנ מיט בלײַ און מיט שרעק,
האָבנ מאַמעס געקלאָגט, זײַנענ טאַטעס אוועק...

פונעמ הויכנ באַרג און פונ זוניקנ פעלדז
זײַנענ קינדער געפלויגנ אינ רויִקנ טײַכ,
אַ וואָרפ און אראָפ,
און א וואָרפ און אראָפ
מיט לײַבער צעהאַקטע, ווי אָקסנ אינ בוינע,

צעשניטענע קעפּ און צעשטאָכענע אויגן...
פון הויכן באַרג און פון בליִענדן פעלדז
אין א זוניקן טאָג זײַנען קינדער געפלויגן...

געיאָגט האָט מיט גרויל פונעם זוניקן טאָג,
געיאָגט האט מיט גרויל און מיט טויט און מיט קלאָג,
ווען שטילקייט אליין האט געשריגן,
האט דער דניעפּער זיך רויִק געוויגט
און רויִק געשוויגן...

ווען אף אים, אפן טײַך האבן כוואַליעלעך רויטע
פון קאָמיוגישן בלוט זיך באוויזן,
ווען דערנאָך זיינע קערפּערס צעהאַקטע אף כוואליעס געשוואומען,
זײַנען טאַטעס און מאַמעס מיט אויגן פאַרוויינטע געקומען
צו ברעגן צעדולטע,
צו ברעגן פאַרשײַטע.
אין רויִקע שטעט און אין דערפער אין ווײַטע
געגאַנ זײַנען בייזע געשלעגן
און דער דניעפּער איז רויִק געלעגן,
ווי באַנאַכט, ווען ער שלאָפט,
און אף ברעגן אפ נאַכטיקע כאָלעמען וועלדער.
מ׳יר געדענקען נאָך גוט די פאַרגאַנגענע נעכט,
ווען דער וואַלד האט געדרוישט, ווען דער ברעג האט געקלאָגט...
. . . .
שיין איז דער דניעפּער — האט גאָגאָל געזאָגט.

אַף ווערסטן פֿון רו

שיינ איז דער דניעפּער באַנאַכט, ווענ ער שלאָפֿט,
ווענ אַף ברעגנ אפ פינצטערע כאָלעמענ וועלדער,
באַדעקטע מיט נאַכט אונ מיט נאַכטישער רו,
ווענ שטערנ צעשיטנ זיכ שטיל אַפֿנ ברעג,
אונ הימל איז טונקל אונ שלאָפֿט אפֿנ וואַסער,
א שיפל גייט אָפ פונעמ ברעג ערגעצ ווייַט
אונ שלעפט זיכ אליינ אפ פאַרשלאָפֿענע כוואַליעס.
דאָס שיפל גייט אָפ אונ סע שווימט אונ סע שווימט
אונ מע זעט ניט וווהינ, ז.ונ מע ווייסט ניט פונוואנעו.
טראָגט זיכ א ליד פונ א נאָענטנ וואַלד,
הערט זיכ א פייַפ פונ פאַרדרימלטע באַנענ.
רויִק איז דאָרט אפֿנ דניעפּער באַנאַכט.
אַלצ איז פאַרטייַעט אונ שוויַיגט אפ די ברעגנ,
קלויסטערשע שפּיצנ אינ נאַכטישנ רויכ
ווילנ ניט רוישנ אונ ווילנ ניט קלינגענ.
שיינ איז דער דניעפּער באַנאַכט, ווענ ער רוט,
אינדזעלעכ ליגנ ווי היימלאָזע שליופּקעס.
אינ זייַדענע פאַלדנ פונ טונקעלער לופט
באַהאַלט זיכ פארדרימלט דאס איינציקע שיפל,
אַפ וואַסערנ בלויע, אפ ווערסטנ פונ רו
שפּרייט זיכ א נייַע, א גאָלדענע שאָ.

אין די טונקלע ווינקלען

אַפֿן ברעג און לעם דעם ברעג שטערן בלייכע פֿינקלען,
בלאָנקען די שיקורים אין די טונקלע ווינקלען.

קומט אַן אָוונט אַפֿן ברעג, הייבט מען אָן צו בענקען,
הייבט מען אָן צו בענקען,
גייט מען אין די שענקען.

און די לידער רוישן, און די פֿלעשער קלינגען,
אויף שענקערס פֿעטע פֿינגער גלאַנצן נײַע רינגען.

זיצן זיי און שווײַגן, זיצן זיי און טרינקען,
און איך זע: אין טיפֿקייט לעשן זיך די פֿונקען.

פֿרעג איך זיי מיט גרויע שווײַגנדיקע אויגן:
וואָס האָט זיי געצווונגען און וואָס האָט זיי געצויגן?

זיצן זיי און טרינקען, זיצן זיי און זינקען.
און איך זע: אין טיפֿקייט לעשן זיך די פֿונקען.

פרעג איך בײַ די ביימער, פרעג איך בײַ דעם דרויסן:
וואס האט זיי געטריבן און וואס האט זיי געשטויסן?

נאָר דער דרויסן זאָגט ניט, און די ביימער שווײַגן.
ווען די ביימער שווײַגן, אָטעמען די צווײַגן.

עפשער זײַנען שולדיק יענע גרויע כאַטעס,
עפשער גאָר די זיידעס און עפשער גאָר די טאַטעס?

קוקן די שיקורים מיט פאַריאָגטע אויגן.
אונטער בלויע פענצטער איז די נאַכט געפלויגן.

א בעטלער

אונטער בּלויע פּענצטער
פּליסנ קלאַנגענ קלאָרע.
א קודלאַטער בּעטלער
שפּילט אפּ א בּאַנדורע:

„טראָגט זיך מײַנע לידער
„איבּער מײַנ אוקראַינע!
„וווּ־זשע זײַנט איר, בּרידער,
„זאַפּאָראָזשצעס מײַנע?

„טײַערע קאָזאַקנ,
„אוי, האָט איר געשוונדנ
„זשידעס אונ מאָסקאַליעס!
. . . .
„כ'בּעט אײַך, העלפּט א בּלינדנ!

„אוי, האָט מענ געהוליעט,
„אוי, האָט מענ געשניטנ,
„די קאַזאַצקע וואָליאַ
„אפּ א ליאַכ פּארבּיטנ.

„ליבע הײַדאַמאַקעס,
„האַרציקע אונ נאָנטע !
„וווּ־זשע זיינט איר איצטער,
„זשעלעזניאַק אונ גאָנטע ?

„וועגנ אײַער דאָליאַ
„זינגט שוינ איצט ניט קיינער,
„ערגעצ טיפ אינ דניעפּער
„שלאָפנ שטיל די ביינער".

ווענ דער בלינדער ענדיקט,
שײַנענ שוינ די שטערנ,
שטייענ די שיקורימ
אונ מע ווישט די טרערנ.

איך האָב זיי געזען

איך האָב זיי געזען באַ מאָכיקע פאַרקנס,
מיט לויטערע אויגנ אונ קויטיקע פיס,
איך האב זיי באַגעגנט אַפ רוישיקע מאַרקנ
מיט קרעציקע הינט אַפנ מיסט.

איך האב זיי געזען אינ שטעט אונ אינ שטעטלעכ
אָנ טאַטעס, אָנ מאַמעס, אָנ דעכער, אָנ ווענט,
איך האב זיי באַגעגנט באַ סעדעכעס בעטלענ
מיט דאָרשטיקע אויגנ אונ קרעציקע הענט.

צעזייט אונ צעוואָרפנ פונ וואָלגע ביז דניעפער,—
איז דאָ עפעס ערגערס פונ קינדישנ וויי?
וו נעמט מענ א דאַכ פאַר די קינדערשע שלעפערס,
וו נעמט מענ א ברויט אונ א מוטער פאַר זיי?

אַהינ אַפנ קויט, אַפנ מיסט לעמ די פאַרקנס
האָט דניעפער געשיקט זיי א וואַרעמענ גרוס.
ער האט זיי געפונענ אפ קרעציקע מאַרקנ
מיט לויטערע אויגנ אונ קויטיקע פיס.

פון האָמעל צו די שוועלן

גוט איז, ווען וואַסערן לויפן
און שווענקען די אינדזלען און ברעגן,
און וונקען צו פעלדער און הויפן,
און שמייכלען צו שטויביקע וועגן,
וואָס וואַרטן שוין לאַנג אַפּ אַ רעגן.

גוט איז, ווען וואַסערן פליִען
פון האָמעל אַראָפּ צו די שוועלן,
און שפּריצן מיט גרינגע קאַרעלן,
ווען אינדזעלעך זאַמדיקע בליִען,
באַדעקטע מיט גרינע שינעלן.

גוט איז, ווען וואַסערן לויפן,
ווען ווינטן צעפּאַטלטע ברומען,
ווען כוואַליעס צעשראָקענע לויפן
באַגריסן די שטעטלשע הויפן
מיט וואָכן, וואָס דאַרפן ערשט קומען.

בייגן זיך די שטיבעלעך

אַפּן ברעג דעם אַלטינקן
איז א שנייִ געפאַלן,
בייגן זיך די שטיבעלעך
פונקט ווי באַ שאַגאַלן.

קרומען זיך די שטעטעלעך,
קרומען זיך און וואַרטן,
ווער וועט זייַ באַשייַנען
זייערע פאַרנאַכטן.

גרוי איז אין די אָוונטן,
גרוי איז דער פרימאָרגן.
וויפל קויכעס ליכטיקע
ליגן דאָ פאַרבאָרגן.

אוי, די דראָטן רוישן ניט,
אוי, די דראָטן שווייַגן,
טויזנטער לעוואָנעס
הענגען אַפּ די צווייַגן.

נאָר ל̄עוואָנעס אַל̄טינקע
שיקן ניט קיין שטראַל̄ן,
בייגן זיך די שטיבעל̄עך
פונקט ווי באַ שאַגאַל̄ן.

אונטער טרוקענע דעכער

ווילט זיך אַ כאַפּ טאָן, אַ ריס טאָן פון שלאָף
און שפּאַנען נאָך העכער און העכער;
טויזנטער שמייכלען בליִען ניט אויף
דאָרט אונטער טרוקענע דעכער.

זונ האָט די שטורויענע דעכער פאַרברענט,
טירן און פענצטער פאַרשלאָסן;
ליגן דאָרט הונדערטער ליידיקע הענט
מיט נאַכט און מיט הונגער באַגאָסן.

גרויער דאָס שטעטל, איז גרויער די פרייד,
ווייניק נאָך לידער פאַרשייַטע,
דאָרט, ווו די נאַכט האט צעזייט און צעשפּרייט
ווינקעלעך פרעמדע און ווייַטע.

דאָרט, ווו ס'איז שטויביק און דאָרשטיק און וויסט
בליונג וועט אופגיינ העכער,
לאָזט זיי ניט שטאַרבן די שמייכלען אומזיסט
דאָרט אונטער טרוקענע דעכער.

ווען מע בויט

ווען איך זע א צעבראָכענעם פּלויט,
ווערט דער קאָפּ מײַנער שווער ווי א וואָלקן.
אוי, האָב איך ליב, ווען מע בויט
און סע וואַקסן א באַלקן נאָך א באַלקן.

ס'איז ניט גרינג מיט א ליידיקער האַנט
אַזאַ כאָרעווון דרויסן צעבּיטענע,
טוט מיר וויי פאַר מײַן שטרויענעם לאַנד
מיט פארוווּנדעטע כאַטעס און פּלויטן.

איך געדענק: כ'האָב געזעען פונוויַיט,
ווי סע פלעגן די שטעטעלעך ברענען,
. . . .
איצטער שטייען די שטעטלעך באַנײַט,
און די געסלעך איז שווער צו דערקענען.

דער דניעפּער איז ברייט, ווען ער לויפט
און צעוואַרפט זײַנע כוואַליעס ווי פונקען,
די זון הענגט און וואַרעמט דעם הויף,
נאָר דער ווינט יאָגט און שווײַגט אין די ווינקלען...

וואס איז ווינט, ווען מע שטייט און מע בויט
און סע וואַקסן א באַלקן נאָך א באַלקן?

. . . .

ווען איך זע א צעבראָכענעם פּלויט,
ווערט דער קאָפּ מײַנער שווער ווי א וואָלקן.

צעוואָרפּענע שטעטלעך

צעוואָרפענע שטעטלעך פון נאָענט און ווײַט —
איך האָב אײַך דערזען און האָב אײַך באַפרײַט.

פון יענער זײַט קאַרן, פון יענער זײַט ווייץ
א שטעטל א קליינס און א שטעטל א צווייטס.

און דאָרטן אין גרויער, אין שטויביקער היץ
פון יענער זײַט דניעפּער א שטעטל א דריטס.

געדיכט זײַנען שטויבן און קאַלט איז די זון,
איז ווו זיך א קער טאָן און וואס זאָל מען טאָן?

מיט היימלאָזע אויגן און היימלאָזע הענט
זיי בלאָנקען אָן אַרבעט און ציילן די ווענט.

פון יענער זײַט קאָרן, פון יענער זײַט ברייט
ליגן די שטעטלעך צעזייט און צעשפּרייט.

אין „האָמלער רוי״

ווערט מיר טרויעריק אַזוי
פאַר זיי, פאַר ווײ, פאַר הונגער,
איך פאָר אוועק אין „האָמלער רוי״
און עפּעס ווערט מיר גרינגער.

איך האב באקענטע דאָרט אַסאַך,
ס׳איז יעדערער באַקענט דאָרט,
דיזעלבע מענטשן אפּן שליאַך,
נאָר אַלץ איז דאָך געענדערט.

אין האָמעל גיסט און בליצט אַזוי, —
זאָל גיסן און זאָל ברומען !
אַהער צו אונדז, אין „האָמלער רוי״
וועלן וואַסערן ניט קומען.

און הינטער בערגל ליגט א גרוב,
קאַנאַלן און קאַנאַלן,
עלעקטרע בליצט אין יעדער שטוב
מיט יאָנטעוודיקע שטראַלן.

דיזעלבֿע הענט, דיזעלבֿע בערד,
נאָר יעדערער איז ייִנגער,
דאַכט זיכ, אז די שווערע ערד
איז אויכ געוואָרנ גרינגער.

פרײלעכ אונ צופרידנ

צווישנ סיטקעלעכ איכ גיי,
נייַע טראָטואַרנ,
אַפּ א גאַנעק טרינקענ טיי
ווייַבער אונ קוסטאַרנ.

פרעגט אַ יאַטעלע פאַרטראַכט:
„זאָג מיר, ליבער טאַטע,
„וואָס פאַר שטערנ שיקט די נאַכט
„אַלע נאַכט אינ כאַטע?".

זאָגט דער פּאָטער שטיל אונ ליב
(אויגנ ווערנ טונקלער...):
„דאָרט אינ האָמעל שטייט א שטוב,
„איז זי פול מיט פונקענ.

„זאָל באַנאַכט די ליכט אינ שטאָט
„ניט פאַרלאָשנ ווערנ,
„איז מיט לאַנגע הענט פונ דראָט
„טראָגט זי אירע שטערנ".

אין דער ווײַטקייט טוט א בליץ
אפ די האָמלער שליאַכן,
טוט א ייִד א זאָג א וויץ,
און די ווײַבער לאַכן.

טוט א הילך די ווײַסע נאכט,
גייען פיאָנערן,
שטייען מאַמעס און מע לאַכט
און מע שלינגט די טרערן.

אָט־אזוי אין „האָמלער רוי"
צווישן נײַע ייִדן,
שטיי איך יאָנטעוודיק אזוי,
פריילעך און צופרידן.

שטיי איך יאָנטעוודיק און זע,
ווי אין ראַש פון יאָרן
אָט־אָ־דאָ אין שטיב, אין ווײַ
ווערט א וועלט געבאָרן!

אַ מײַסע װעגן אַ מישפּאָכע

אין אײנעם אַ שטעטל

אין אײנעם אַ שטעטל אפּ בלײַקע ברעגן,— װאָס דאַרפט איר דעם נאָמען?
אין עפּעס אַ שטעטל מיט שטיבלעך װי קעלערס, מיט געסלעך און קראָמען,
אַ מאַרק איז געשטאַנען, אַ מאַרק האָט געדודערט אפּ פּלאַץ אפּן ברײטן,
מיט בלוטיקע יאַטקעס, מיט געלע רונזשוקעס, מיט קרעמערס און קויטיקע קלײטן.
אַ מאַרק איז געשטאַנען מיט פורן, מיט קרעציקע הינט און מיט קעץ און מיט ציגן,
אַ בעטלער איז אײַנזאַם געזעסן און אײַנזאַם געזופט אַ פּאַר־טרױערטע ניגן.
אַ בעטלער אַ צװײטער, אַ דריטער, אַ פערטער, אַ גרױער, אַ בלינדער,
אַ פױער, אַ צװײטער, אַ דריטער, אַ פערטער, און פרױען מיט פּיצעלעך קינדער.
מיט מאַרק האָט געשװינדלט, מיט שטױב און מיט ראַש און מיט שאָען מיט דולע,

מיט מענטשן צעהיצטע, מיט ווייַבער צעמישטע, מיט קאָשיקעס
פוסטע און פולע.
פון דערפער, פון נאָענטע דערפער, פון וואַרעמע כאַטעס, פון
זאַטן געלעגער
קומען די פויערים, שאָפענע סוויטעס, פויערטעס ברוינע אַפ
סקריפנדע וועגענער,
שיקן די שטיבלעך ארויס אפן מאַרק, אפן פלאַץ אפן ברייטן א
שוועסטער, א מוטער:
—„א פלעשעלע מילך, א פלעצעלע קעז און א פלעצעלע פוטער".
און קרעמער שפאַצירן מיט בייַכער מיט פעטע, מיט פענעמער
זאַטע, מיט מאַרקן צופרידן
מיט קעשענעס ברייטע, מיט גלאַנציקע שיך אַפ די מאַרקן די
גווירישע ייִדן.
מישט זיך צונויפ אָט דער ראש פון די וואָגנס מיט הייסן
געפּילדער פון קראָמען.
אין איינעם א שטעטל אפ בלייַקע ברעגן,— וואָס דאַרפט איר
דעם נאָמען?

א מישפּאָכע א פּײַנע

איז אין שטעטל אין יענעם, מיט מאַרקן און בעטלערס, אין
רויִקע טעג אף אוקראַיִנע
נאָך אמאָל האט געלעבט א מישפּאָכע, א שטילע, א פּײַנע.
אַ פּײַנע מישפּאָכע, א שטרויענער דאַך, אַ הילצערנע כאַטע.
פון אלע איז גרעסער און העכער און פעסטער דער טאַטע.
א ייִד מיט א האָריקן לײַב, מיט א נאַקעטן קאָפּ און מיט
פלאַם אין די אויגן,
זײַן קאָפּ פלעג ער קיינמאָל, אינערגעץ, פאַר קיינעם ניט בויגן.
האָט מען ערגעץ געיאָגט פון די שטעט און פון דערפער געטריבן,
איז דער קאָפּ זײַנער שטאָלץ אף די אַקסלען די הויכע געבליבן.
ווען אמאָל דאָרטן טיף אין די אַכציקער יאָרן איבער שטעט
פלעגן שווערדן זיך וויגן,
האט דער קערפּער געוויינט, האט אין האַרצן גענאָגט, נאָר דער
קאָפּ האט געשוויגן.
און די הענט האבן שטענדיק געיאָגט מיט די פּײַלן און זעגן,
און אזוי זײַנען פלינק אין באָנדארניע געפלויגן די רעגעס.
סײַווייסײַ האט מען ערגעץ געיאָגט, צי געשאַרפט האט מען
מעסערס,
האבן הענט זײַנע האָריקע שטענדיק מיט רייפן בארינגלט די
פעסער,

און זײַנ װײַב סאָרע־הינדע, א גוטע, א שטילע, װי ס'טרעפט זיכ, א מוטער,
האָט געקאָכט און געבאַקנ און קינדער געטראָגנ מיט פרײדיקנ ציטער.
און די זינ, און דעריקער די זינ, די כעװרע די זיבנ,—
װיפל שרײַבער עס זײַנענ געװענ, האט נאָכ קײנער די זינ ניט באַשריבנ.
װו זײַנענ די כעיורע געװאַקסנ? װו איז מענ געװאַקסנ אינ שטעטלשנ װינטער?
נאָר אײנער פונ צװײטנ איז ברײטער און אײנער פונ צװײטנ געזינטער.
האבנ אלע געלעבט אפנ ברעג אפנ גרינעמ, אינ שטיבל אינ אַלטנ,
אינ װאַרעמע שאָטנס פונ װעלדער האָט שטיבעלע שטיל זיכ באַהאַלטנ.
סײַ גאַנצפרי, סײַ באַנאַכט זײַנענ פינצטער אינ געסל די טירנ און לאָדנ,
האָט די זונ נאָר באגילדעט דעמ טײַכ, האבנ קינדער אינ טײַכ זיכ געבאָדנ,
האָט די זונ נאָר באַגילדעט דעמ ברעג, פלעגנ װערנ די שאָטנס נאָכ גרעסער,
איז דער טאַטע געשטאַנענ אינ מאַרק און געװײכט און געקאָװעט די פעסער.
אַזוי האט געלעבט די מישפּאָכע די שטילע און פײַנע
אינ שטעטל אינ יענעמ, אינ רויִקע טעג אפ אוקראַינע.

קינדער אין די וויגן

מאַמעס אַף די ברעגן, קינדער אין די וויגן,
וויגן זיי די מאַמעס מיט אַן אַלטן ניגן.

קינדער אין די וויגן, רויטינקע און ווײַסע.
וויפֿל יאָרן ציט זיך אָט־די שטילע מײַסע?

שלאָפֿן ניט די קינדער אין אַ נאַכט אַ טויבער,
שרעקן זיי די מאַמעס מיט צערייצטע רויבער.

„ווײַט דאָרט אַף די ברעגן שטייט אַ וואַלד אַן אַלטער,
„הונדערטער רויבער אינדערטיף באַהאַלט ער.

„אונטער אַלע פֿענצטער שטייען די גזלנים״...

. . . .

ווערן אייגלעך טיפֿער, בלאַסער ווערט דאָס פּנים.

און אַ שניי צעיאָגט זיך נידעריקער, העכער,
און אַ ווינט צעשרײַט זיך אַף די ווײַסע דעכער.

8. איציק פעפער, 1680.

און די מאַמעס זיצן און דערציילן ווײַטער:
„איז אמאָל געלאָפֿן אין א וואַלד א רײַטער.

„צווישן הויכע ביימער איז דאס פערד געפֿלויגן.
„פֿלוצלינג אין די קוסטעס זעט ער פרעמדע אויגן.

„כאַפּט מען און מע טויט אים אינעם וואַלד דעם אַלטן,
„אין די גרינע קוסטעס האט מען אים באהאַלטן.

„אויב די קינדער וועלן אייגלעך ניט פֿאַרמאַכן,
„וועלן רויבער קומען פון פארשנייטע שליאַכן".

מיט אַזעלכע מײַסעס פלעג דא סאָרע־הינדע
וויגן אירע זיבן וואַקסנדיקע קינדער.

און אזעלכע מײַסעס זײַנען אָפט געשוווּמען
בא דער וויג פון עלטסטן מיטן נאָמען שימען.

זייבע זיי געוואַקסן

זײַנען זיי געוואקסן ביז א טאָג א שלעכטן...
עפּעס דאכט זיך אלע, ס'איז געווען ערשט נעכטן.
איז דער טאָג געווען א קילער און א נאַסער,
האבן זיך געבאָדן זינדעלעך די זיבן,
זײַנען צוויי אַנטרונען פלוצלינג ווי אין וואַסער,
זיינען פון די זיבן פינעף נאָר געבליבן.
פלעגן טעג זיך שוואַרצן, פלעגן נעכט זיך מערן,—
וואָס זאל איך דערציילן, וואס וועל איך באשרײַבן?
אַלע, אלע ווייסן פון דער מאַמעס טרערן,
ווען פון זיבן קינדער פינעף נאר פאַרבליבן.
צוויי זײַנען פארפאַלן. טרויערט זי, די מוטער.
אונטער טונקלע פענצטער קאַלטע וואָכן שווימען,
און אף בייזע שלאַכטן איז אוועק דער דריטער,
איז אוועק דער דריטער מיטן נאָמען שימען.
פלעגן טעג זיך שוואַרצן, פלעגן נעכט זיך מערן,—
וואָס זאָל איך דערציילן, וואס וועל איך באַשרײַבן?
אַלע, אלע ווייסן פון דער מאַמעס טרערן,
ווען פון זיבן קינדער פינעף נאָר פאַרבלייבן.
זײַנען זיי געוואַקסן אפן ברעג דעם אַלטן,
און א האַס צום דניעפּער האָבן זיי באַהאַלטן...

פאַר די ברוינע ברידער, וואס ער האט פאַרשלונגען,
קומען זיי צום דניעפּער—הערט מען אופ דאָ זינגען.
ווען זיי זאָלן קענען—וואָלטן זיי פאַרבאָטן
אָט־אַזוי אים שמייכלען רויק און זיך ליגן,
וואָלטן זיי מיט זאַמדן און מיט שטויב פאַרשאָטן,
אז ער זאָל די כוואַליעס אזוי גרינג ניט וויגן.
ווען זיי זאָלן קענען, וואָלטן זיי צעשפּאַלטן,
וואָלטן זיי די ברעגן און די בערג צעריסן
און מיט פעלדזן שווערע אָט־דעם שטראָם פאַרהאַלטן,
אַז ער זאָל ניט יאָגן, אז ער זאָל ניט פליסן...
פלעגן זיי דאָ שטייען און מיט טרויער קוקן
אף די גרינגע כוואַליעס, אף די שווערע בריקן.
פלעגן שנייען שיטן, פלעגן ווינטן שרייַען,
ווי דער שניי אין כוואַליעס פלעגן טעג ניט סטייַען.

ברענט א לאָמפּ מיט קעראָסין

אינעם באָנדערס קליינעם שטיבל
ברענט א לאָמפּ מיט קעראָסין.
— „סאָרע־הינדע, סאָרע־הינדע,
„וווּ איז שימען, וווּ ז'דײַן זון?

„ס'האט דער קייסער אים גערופן,
„איז אוועק שוין א יאָר אַכט,
„און דער לויפער מיט די בריוולעך
„האט קיין בריוו נאָך ניט געבראַכט.

„סאָרע־הינדע, קלוגע סאָרע,
„דײַנע אויגן, דײַנע קלאָרע,
„דײַנע אויגן זײַנען רויט,
„ערגעץ זאָגט מען גאָר א סוואָרע,
„אַז דײַן שימען איז שוין טויט.

„סאָרע־הינדע, קלוגע סאָרע,
„וווּ איז שימען, וווּ איז דײַן זון?"

. . . .

אינעם באָנדערס קלייגעם שטיבל
ברענט א לאָמפּ מיט קעראָסין.

א בריוו פון די דערטרונקענע זין

קיינער האט אים ניט געלייענט, דעם בריוו,
ערגעץ האט מען אים געשריבן אינדערטיפּ.

אינדערטיפּ און אָן פּאַפּיר און אָן א פּען
האָט מען אים געשריבן, קיינער ווייסט ניט ווען.

און געשריבן ניט מיט בלוט און ניט מיט טינט,
און געבראַכט האָט אים באַנאַכט א ווינט.

סאָרע־הינדען האָט ער אים געבראַכט,
און געכאָלעמט האָט זיך איר דער בריוו א גאַנצע נאַכט

זי צעוויקלט אים,— דער בריוו איז פּוסט.
האָט פון כאָלעמ קיינער ניט געוווסט.

און דעם בריוו האָט קיינער ניט געליינט,
נאָר די אויגן זייַנען אָפּט געוועזן פאַרוויינט.

אינדערטיפּ און אָן פּאַפּיר און אָן אַ פּען
האט מען אים געשריבן, קיינער ווייסט ניט ווען.

אַזוי זיינען טעג דאָ פאַרגאַנגען

דער מאַרק האט געראַשט, און ס'האבן די געסלעך און געסעלעך
אויך ניט געשוויגן,
פון יעטווידער הויפל און יעטווידער שטיבל געפליסט האט א ניגן.
דער טאָג איז געלעגן צעשפרייט איבער געסלעך מיט זון און
געשמייכלט צופרידן,
אין קוזניעס באם פאָרשטאָט פארויכערטע שטייען און קאָוועז
פאַרפאַליעטע שמידן,
אין קליינע זאַוואָדלעך, פאַבריקלעך פון שטריק און פון ליכט און
פון לעדער
שנייַדט מען שוין פעלן, פלעכט מען שוין קלאָטשע, דרייט מען
שוין רעדער,
און שוסטערס און שנייַדערס מיט נעזער מיט לאַנגע אין קורצינקע
רעקלעך
שערן און שטעפן און שאַרפן די אָלן און קלאַפן די פלעקלעך.
און דאָרט אפן מאַרק, טאַקע דאָרט, ווו דער טומל איז גרעסער,
שטייען די באָנדערס און דרייען די רייפן און קלאַפן די פעסער,
און צווישן זיי אלע — א ייִד, א פאַרוואָלקנטער ייִד מיט פאַרוואָלקנטע
ברעמען.
פרעגט מען אים אָפטלעך, צי האָט ער א בריוו פונעם זון זיינעם
שימען,

פאַרקנייטשט ער דעם שטערן און ס׳קנייטשט זיך אַ ווײ אױף די טרוקענע ליפּן:

— „ווײַזט אויס, אַז ער איז שוין פֿון לאַנג אױף די שנייִקע פֿעלדער געבליבן,

„ווײַזט אויס, אַז ער וועט שוין צו מיר אין באָנדאַרניע ניט קומען!" —

ענטפֿערט דער ייִד, דער פֿאַרוואָלקנטער ייִד מיט פֿאַרוואָלקנטע ברעמען.

אַ טאָג ווי אַ טאָג גייט געבונדן מיט מי און מיט רו און מיט טומל,
ביז די נאַכט ציט זיך אויס אינדערהייך און באַשטערנט דעם הימל,
שווימט לעוואָנע העט־העט דאָרטן ווײַט אױפֿן שטעטל און וויגט זיך געלאַסן,

פֿון קלוב דעם קאָמיוגישן לױפֿט אַ געזאַנג און פֿאַלט אױף די טונקעלע גאַסן.

די נאַכט האָט געדרימלט, דער מאַרק איז געשלאָפֿן, און אַלץ האָט געשוויגן,
נאָר ווײַט פֿונעם קלוב האָט געפֿליסט אױף די גאַסן דער פֿרײלעכער ניגון.

ס׳ע שלאָפֿן די בעטלערס אין פֿײַכטע זעמליאַנקעס, ווי פֿערד אין די שטאַלן,
אױף פֿײַכטע זעמליאַנקעס, אױף שטיבעלעך גרויע איז ליד ווי אַ האָגל געפֿאַלן.

אַזוי זײַנען טעג דאָ פֿאַרגאַנגען, געפּאַקטע מיט מי און גערידער,
אַזוי זײַנען נעכט דאָ געהאַנגען מיט שײַן און מיט לידער.

און דער רעגן האָט געגאָסן

אין א. שטעטל איבער וועגלעך
לויפט א לויפער מיט א פּעקל,
נאָכן לויפער לויפט א רעגן,
און דער לויפער איז א נאַסער,
און דער רעגן איז א נאַסער,
און פוןביידע גיסט זיך וואַסער.

וויפל בריוו אין לויפערס פּעקל,
וויפל גרוסן און פונוואַנען,—
כאָטש א קאַרטל, כאָטש א שורע
איז פון שימענען פאַראַנען?

פון די אומעטיקע פענצטער
קוקן אומעטיקע אויגן...
און דער רעגן האט געגאָסן,
און דער לויפער איז געפלויגן.

שימענס ערשטער און לעצטער בריוו

„ליבער טאַטע, ליבע מאַמע, ליבע ברידער!
„ערשטנס, ווייסט: איך לעב און בין געזונט.
„כ'האָב שוין לאַנג דאָ ניט געהערט קיין לידער,
„נאָר אַמאָל צעוויינט זיך דאָ דער ווינט.

„לעבן לעב איך דאָ ווי אַלע לעבן,
„נאָר באַזונדער און פאַרטריבן און פאַרוויסט,
„פון מיין גאַנצן קערפּער איז געבליבן
„נאָר א האַנט, וואס האַלט א ביקס און שיסט.

„קאָסטנס ציין, וואס ווייסן און געדענקען
„רויטן באָרשטש און האַרטן שוואַרצן ברויט,
„און א האַרץ, וואס הערט ניט אויף צו בענקען,
„און א קאָפּ א הוילן פאַרן טויט.

„דאס איז אַלץ, וואס איז מיר דאָ געבליבן,
„רויק זייט פאַר מיר און מיין געזונט.
„כ'וואלט אַסאַך, אסאַך אייך נאָך געשריבן,
„איז אין טינטער שוין ניטאָ קיין טינט".

און מיט פּען שוין טרוקענער דערקריצט ער:
„כ'וואָלט צו אײַך אַוועק אַהין, אהין...
„ווען איך זאָל אײַך אַלע האבן איצטער,
„וואָלט איך אלע... שימען... אײַער זון..."

שטיל געליינט די מוטער האט דאָס בריוול,
שימענס קינדהייט שווימט ווי אין א רויך,
און לעוואָנע, ווי א היימלאָז שיפל,
בלאָנקעט אײַנזאַם אין דער טונקלער הויך.

האט דאס לײַב געוויינט מיט אַלטע שמערצן,
האט אין האַרץ געקילט אן אַלטער וויי.
אַפּן בריוול שטייט: ניַין הונדערט פערצן,
און דער שטעמפּל: מאָסקווע, צוואַנציק צוויי.

און ווידער האט געטונקלט

האָט נעכטן דאָ געהוליעט, האט נעכטן דאָ געברענט,
א גאַנצע גאַס אַוועק מיט רויכן און מיט פײַער;
איז אײַנזאַם ליגט דער דאַך, איז נאקעט שטייען ווענט,
און הימל איז ווי פריִער אַן אלטער און א נײַער.

וואָלקנס הענגען שווער, און שטיינער ליגן פעסט,
סטויפּעס שטייען הויך און ווילן זיך ניט בויגן;
אין דרויסן שטייט א טיש און וואַרט אַף שטילע געסט,
און מענטשן בלאָנקען אום מיט אומעטיקע אויגן.

האָט נעכטן דאָ געהילכט, האט נעכטן דאָ געיאָגט,
און הײַנט האט מען אין סרייפע נעכטיקער פאַרגעסן;
און ווידער האט געטונקלט, און ווידער האט געטאָגט,
און ערד האט זיך געשוואונקט אין לויטערע מעסלעסן.

נאָך נעכטיקע געשלעגן, נאך איינעכטיקן ראַש
ווינט מען אונטער גרינגע רעגנדיקע הויכן,
ווינט מען אין די סיטקעס, שלאָפט מען אפן אַש, —
אַ גאַנצע גאַס אַוועק מיט פײַער און מיט רויכן.

שלעפעריקע געסלעכ, הונגעריקע הענט,
אויסגעוועפטע רויכנ, אויסגעוועפטער פײַער.
אײַנזאַמ ליגט דער דאַכ אונ נאַקעט שטייענ ווענט,
אונ הימל הענגט ווי פריִער אנ אַלטער אונ א נײַער.

זיצט די נעכטיקע מישפּאָכע

זיצט די נעכטיקע מישפּאָכע בּא די אָפּגעבּרענטע ווענט,
און דער פּאָטער און דער אַלטער קוקט מיט מידקייט אפּנ אַש.
—„פּאָטער ליבּער, זאָגט דער ערשטער, פּאָטער ליבּער, הער מיך אויס!"

און די ליפּנ ווערנ בּלייכער, און די אויגנ ווערנ גרויס.
—„פּאָטער ליבּער, זאָגט דער ערשטער, איך געדענק פונ קינדוויַיז אָנ
דיַינע פּאָטערלעכע ווערטער, דיַינע בּרידערלעכע רייד.
האָסט געשיקט, בּינ איך געגאנגענ,
האסט געזאָגט, האבּ איך געטאָנ.
מיַינע אַקסלענ ווערנ העכער, מיַינע אויגנ ווערנ קלאָר,
און די טריט זיי ווערנ פ׳עסטער
און זיי ריַיסנ זיך אהינ,
ווו פונ קוימענס גייענ רויכנ, ווו די פעלדער זיַינענ גרינ.
ס׳האט מיַינ לעבּנ זיך געצויגנ ווי א נאַכט,
ניט קיַינ נוצנ, ניט קיַינ שאָדנ האבּ איך קיינעמ ניט געבּראַכט.
האָט געהודעט אפּ די פעלדער, נאָר געבּליבּנ בּינ איך דאָ,
ווי די בּרידער מיַינע בּיידע, וועלכע ליגנ דאָרט אינ טיַיך.
—„פּאָטער ליבּער, זאָגט דער ערשטער, פּאָטער ליבּער, הער מיך אויס!"

און די ליפּנ ווערנ בּלייכער, און די אויגנ ווערנ גרויס.

זאָגט דער צווייטער

זיצט די נעכטיקע מישפּאָכע בא די אָפּגעבּרענטע ווענט,
און דער פֿאָטער און דער אַלטער קוקט מיט מידקייט אפֿן אַש.

—„פֿאָטער ליבּער",— זאָגט דער צווייטער, און די אויגן ווערן
פֿײַכט,
און א טרער האט זיך געקויקלט פֿון דער בּלייכער בּאַק אראָפּ.
—„נעכטן איז א שטוב געשטאַנען, איצטער ווײנען מיר אין גאַס.
נעכטן איז א היים געווען דאָ, איצטער שטייען הוילע ווענט,
און בּאַזונדער שטייען סטויפּעס, און בּאזונדער ליגט דער דאַך,
און א פֿרעמדער איז דער הימל, און א גרויער איז דער שליאַך.
איז וואס דאַרף איך מײַנע אויגן, אז איך האבּ ניט וואס צו זען?
און די הענט, וואס דארף איך האבּן, אז איך האבּ ניט וואס צו טאָן?
און די פֿיס, די פֿיס וואס טויגן, אז איך האבּ ניט ווו צו גיין?
און די ווערטער ליגן בּלייכע, און די צונג איז ווי א שטיין.
כ'פֿיל דײַן מאַרך אין מײַנע בּיינער,
כ'פֿיל דײַן פֿאָטערש וואַרעם בּלוט,
כ'פֿיל דײַן אָטעם אין מײַן אָטעם,
און דײַן טראָט אין מײַנע טריט.

איז מיר טרויעריק און פריידיק,
איז מיר גרינג בּאַ דיר און שווער״.

. . . .

פון די אומעטיקע אויגן פאַלט אַראָפּ אַ פרישע טרער.

גרויע פּאַסן אפן שטיינ

און דער דריטער
האט געהערט די לעצטע ווערטער און האט שטיל צו זיך געזאָגט:
„בעסער זאָל דער גרויסער דניעפּער מײַנע טעג און נעכט פאר־
שלינגען,
איידער ווידער זאָל איך הערן אָט־די ויסטע שווערע רייד״.
און די מאַמע איז געשטאַנען אין דער אָפּגעברענטער קיך,
האט דאָס פײַער זיך געלאָשן און געציטערט און געפאַלן,
און דאָס אש האט זיך געלייגט מיט גרויע פּאַסן אפן שטיינ.
סאָרע־היִנדע האט דערזעען: אַלע שטייען ווי די האָנען,
אַלע מײַלער זײַנען אָפן, און די ווערטער זײַנען שטיל,
אַלע אויגן זײַנען פולע און די ליפּן ציטערן.
פאַלן בליקן, פרעמדע בליקן אפן טיש און אפן ברויט,
די קאַרטאָפליעס ווערן קילער, און די פּוטער ווערט געדיכט,
און דער פּאָטער קוקט אפ אַלע מיט א טרויעריק געזיכט.
דער מעזיניק איז געשטאַנען און געשלונגען די קאַרטאָפליעס,
און דאס קעצל האט געניאַווקעט לעמ דער אָפּגעברענטער טיר.

האָט דער ווינט פאַרשריבן

האָט א יאָר געדונערט, האט א יאָר געבליצט,
יעדער יאָר האט לידער אַנדערע פאַרקריצט.

ווער ס'האָט פריִ'ר געטרויערט—טרויערט ניט אַצינד.
איבער שטילע דעכער יאָגט א נייַער ווינט.

קלאַפּט ער אין די טירן מיט זייַן גרינגער האַנט,
קלאַפּט ער אין די פענצטער, וועקט ער אונ דערמאָנט.

אין געדיכטע וועלדער, אין באַזונטן סטעפּ
וואַלגערן זיך ביינער, וואַלגערן זיך קעפּ.

ענטפערט אים א פענצטער מיט א טויבן וואָרט:
האָסטו, ווינטל, שימענע ניט באַגעגנט דאָרט?

אונ דער ווינט צעלאַכט זיך: אַלע זייַנען גלייַך,
מיט אזוינע שימענס זייַנען וועלדער רייַך.

ווער ס'האָט פריִ'ר געטרויערט — טרויערט ניט אצינד,
איבער שטילע דעכער יאָגט א נייַער ווינט.

האָט דער ווינט פֿאַרשריבן אױפֿן ברייטן ברעג
יעדערנס זײַנס סטעזשקע, יעדערנס זײַנס וועג.

און דער אַלטער הימל פֿליסט מיט אַלטן ווײַנ,
נאָר די טעג פֿאַרגייען אין אַן אַנדער שײַנ.

אין איינעם א טאָג

אין איינעם א טאָג איז דער צווייטער אַוועק
איבער שטעטלעך און שטעט נאָך מי;
געקומען אהין צו אן אנדער ברעג
אין הויכן זאַוואָד מיטן נאָמען „מאַרטי".

ברייט און פעסט זײַנען דאָרט די ווענט,
געדיכט און שוואַרץ איז דאָרט דער רויך.
געבראַכט אַהין זײַנע שטעטלשע הענט:
— נאַט אײַך די הענט און נעמט מיך אויך.

די גרינגסטע מי איז דאָ ניט גרינג,
זי קאָסט געוואָג אי בלוט, אי שווייס.
—„איך ווייס עס גוט, נאָר איך בין יונג,
איך ווייס עס גוט. איך ווייס".

דער פאָטער דערציילט מיט פרייד און מיט וויי:
ער ארבעט שוין דאָרט,— אַזאַ שווערע מי!
ער ארבעט שוין דאָרט קימאַט א וואָך צוויי,
אין הויכן זאַוואָד מיטן נאָמען „מאַרטי".

אַפּ די אַשיקע טרעפּ

באַהאַלט זיך די זונ ערגעצ דאָרטנ אינ סטעפּ.
די זונ איז אוועק, אינ סאָד איז נאָך גרינ.
ער זיצט מיטנ ווײַב אפּ די אַשיקע טרעפּ,
ברענגט מענ א בריוו פונ א זונ.

צעשיטנ זיך טונקעלע שטערנ ווי מאָנ,
די נאכט איז נאָך בלינד,
ער שרײַבט, אז דאָרטנ ניט ווײַט פונ כערסאָנ
וווינט ער אַצינד.

ער שרײַבט אונ ער שרײַבט, אונ ווער ווייסט וואָס ער שרײַבט?
פאַלנ די בליקנ אפּ דר'ערד.
ער האט שוינ א שטוב אונ ער איז שוינ באַווײַבט
אונ ער האט שוינ א פערד.

ער שרײַבט, אז מע פאָרט אונ מע פאָרט נאָר אהינ,
ווו סע וואַקסנ די הײַזער אינ סטעפּ.
די זונ איז אַוועק, אינ סאָד נאָך איז גרינ —
ער זיצט מיטנ ווײַב אפּ די אשיקע טרעפּ.

א בריוו פון מעזיניק

ליבער און טײַערער בראַט אלעקסיי.
איך וווין נאָך אין שטעטל בא אונדז אינדערהיים.
אינגיכן וועט פאַלן אַפן דניעפּער א שניי
און באַדעקן די ברעגן מיט ווײַסער ליים.

דער ברעג איז ברייט, און דער טײַך איז טיף,
באַ אונדז אין שטוב איז ענג און גרוי;
כ'האב געשריבן אין היגן ריַיקאָם א בריוו
און געבעטן מיך שיקן אף דניעפּערבוי.

דער טאַטע איז אַלט און די מאַמע איז אַלט,
און מיר איז שווער דאָ זײַן מיט זיי;
דער הויכער וואַלד, דער גרינער וואַלד
וועט אינגיכן ווערן באַדעקט מיט שניי.

ווער ווייסט, צי כ'וועל גיך זיך זען מיט אייך?
גריס די יאַטן און גריס דײַן ווײַב.
און ביז איך וועל פאָרן אהין אפן טײַך,
דערווײַל אהערצו א בריוול שרײַב.

געפּייפט האָט א צוג

געגאַנ זײַנען די טעג, געבליצט האבנ טעג
אונ קלאָר איז געוואָרנ באַם לעצטנ דער וועג.

א טאָג איז געקומען,
געפּײַפט האט א צוג,
געשלעפּט האט ער יאַטנ
פונ היגנ קאָמיוג.

אפ גליטשיקע רעלסנ, אפ פעלדישער ברייט
דער צוג איז געפלויגנ אונ רויכנ געשפּרייט.

אַפּ גליטשיקע רעלסנ
אַהינ קײַנ קיטשקאַס,
שלעפּט זיכ אונ דרייט זיכ
דער צוגישער פּאַס.

געגאַנ זײַנען טעג, איז געקומען דער טאָג,
א יאַט אינ רײַקאָם האט די יאַטנ געזאָגט:

— „אַהין אפ די שוועלן
„שיקן מיר אײַך,
„רײַסן די פעלדזן
„אדאָרט אַפן טײַך!"

אַפ גליטשיקע רעלסן, אפ פעלדישער ברייט
דער צוג איז געפלויגן און רויכן געשפּרייט.

און קיינער האט נאָך ניט באַזונגען

איך ווייס זיי שוין, איך ווייס די הונדערטער נעמען,
כ'האב יעדערן פון זיי אין יענע טעג געקענט.
בײַ יעדערן פון זיי צוויי טײַכלעך אונטער ברעמען,
בײַ יעדערן פון זיי צוויי שרײַענדיקע הענט.

צו וואָס־זשע און צו וועמען פאַרצייכענען באַזונדער,
צי אויגן זײַנען בלוי, צי אויגן זײַנען שוואַרץ?
בײַ יעדערן פון זיי א טראָפּן פון מײַן וווּנדער,
בײַ יעדערן פון זיי א שטיקל פון מײַן האַרץ.

אויף בערגן און אויף טײַכן שטייען זיי, די יונגע,
פאַרסמאַליעט און באַדעקט מיט סאַמעט פון די טעג.
און קיינער, קיינער האט נאָך ניט באַזונגען
זייער אומזין, זייער ליד און זייער וועג.

וועגנ כוואַליעס אונ ווינט

אַנ אָוונט א ליבלעכער קומט ווי א מוטער
אונ שפרייט דאָ א שאָ נאָכ א שאָ,
אונ זײַדענע טיכעלעכ טונקעלע שיט ער
אַפ זילבערנע כוואַליעס אָט-דאָ.

אונ טונקעלע טיכעלעכ פאַלנ פונ הויכנ
אַפ שיפל, אַפ מיר אונ אַפ רו,
אונ וואָרעמ איז קוקנ אַפ ווײַטלעכע רויכנ,
אַפ זילבערנע כוואַליעס אָט-דאָ.

די זונ איז אנטלאָפנ אינ גאָלדענעמ ציטער,
איכ בענק נאָכ איר שטילנ ניטאָ.
אַנ אָוונט א ליבלעכער קומט ווי א מוטער
אַפ זויבערע כוואַליעס אָט-דאָ.

איז געקומען א מענטש

איז געקומען א מענטש און געזאָגט אָט־אַזוי:
—„מע ווייסט שוין פונלאַנג, אַז דער הימל איז בלוי“.

דער מענטש האט געזאָגט, און דער ברעג האט געוווּסט,
האבן כוואַליעס געקייַקלט זיך יאָרן אומזיסט.

איז א כוואַליע אוועק און געקומען צוריק,
און הויך אפן טייַך איז געהאַנגען א בריק.

אַלציינס: אין דעקאַבער, אין מאַרט און אין מייַ!
האט געיאָגט אַפן בריק א געפאַקטער טראַמווייַ.

האט דניעפּער געראַשט, און טראַמווייַ האט געיאָגט,
איז געקומען א מענטש אין קיטשקאַס און געזאָגט.

דער מענטש האט געזאָגט און דער ברעג האט געוווּסט:
„—גענוג זייַנען כוואַליעס געפלויגן אומזיסט!“

דער מענטש האט געזאָגט, האט א וואַלד זיך פאַרטראַכט,
האט דער דניעפּער מיט זילבערנע כוואַליעס געלאַכט.

—„דער דניעפּער איז אַלט, און די זון איז אונדז קאַרג,
ווען די נאַכט קומט אַראָפּ אפן ברעג פונעם באַרג".

האבן וויַיטן געלאַכט, האבן כוואַליעס געוויינט,
ווען דער מענטש פון קיטשקאַס האט א בלעטל געליינט.

ווען אפ בלייַכעכן טייַך איז געפאַלן די נאַכט,
האט נאָך טיף אינעם דניעפּער א כוואַליע געלאַכט.

און די וועלדער סוידען זיך

רוישן כוואַליעס, כוואַליעס ברומען,
ווען ער איז אהער געקומען.

און די שוועלן הוידען זיך,
און די וועלדער סוידען זיך.

נײַע זונען וועט ער ברענגען
און אָפ סטויפּעס זיי צעהענגען.

אין די סאָדיקע אַלייען
רויִק זעט מען מענטשן גייען.

און די גראָזן הוידען זיך,
און די מענטשן סוידען זיך.

ס'איז דער טײַך מיט נאַכט באצויגן,
קוקט דער מענטש מיט טיפע אויגן,

אָפ די ברעגן גייען יונגען
און זיי לאַכן און זיי זינגען.

און די קלאַנגען הוידען זיך,
און די שטערן סוידען זיך.

קלינגען כוואַליעס, כוואַליעס ברומען:
ס'איז א מענטש אהער געקומען.

דאָס ליד וועגן כוואַליעס און ווינט

האָבן טעג אזוינע לאַנגזאַם זיך געצויגן,
איז א ווינט א יונגער אפן טײַך געפלויגן.

האָט דער ווינט די כוואַליעס מער שוין ניט געטריבן,
נאָר מיט פאלדן פײַכטע זיי א בריוו געשריבן.

זיי א בריוו געשריבן אפן שטילן וואַסער
מיט באַפײַכטע אויגן, מיט א פען א נאַסער.

און פון אַלע ווערטער און פון אַלע שורעס
בלאָזט מיט נײַע גריסן און מיט שווערע בסורעס:

אַז פון דערפער נאָענט און פון ווײַטע יאַמען
קומט מען זיי פאַרבינדן, קומט מען זיי פאַרצאַמען.

און מע וועט זיי הייסן איבער די פאַבריקן,
איבער אַלע דערפער פײַערן צעשיקן.

ענטפערן די כוואַליעס: ווער־זשע קאָן אונדז צווינגען? —
ס'האט טאַראַס שעווטשענקאָ אונדז אַליין באַזונגען.

גאָגאָל האָט געשמייכלט אַף די שטילע ברעגן,
און אהער צום דניעפּער פירן אַלע וועגן.

און די כוואַליעס רוישן און די כוואַליעס לאַכן,
און דער ווינט צעיאָגט זיך איבער ווײַטע שליאַכן.

איבער אַלע געסלעך, איבער אַלע דירעס
גייען זיי, די נײַע טרויעריקע בסורעס:

אַז פון דערפער נאָענט און פון ווײַטע יאַמען
קומט מען זיי פאַרביגדן, קומט מען זיי פאַרצאַמען.

בײמער װײנען

פון אוקראַיִנער שטילע פעלדער,
פון די דערפער און די שטעטלעך,
פון סיבירער בלויע שנייען,
איבער שטעט און איבער װעלדער
יאָמן גייען,
יאָמן גייען.

און װי אַלטע גוטע שכנים
שטייען בײמער און זיי װײנען:

„אָט ־ די אינדזלען, אָט־די אינדזלען
„װעט מען מעסטן, װעט מען גלײַכן
„און די קליאָנען און די דעמבעס
„אפ די ברעגן פון די טײַכן
„װעט מען האַקן, װעט מען שנײַדן,
„װעט מען שניִצן, װעט מען שינדן,
„און די דעמבעס װעלן קראַכן,
„און די קליאָנען װעלן שרײַען,
„װעט א דונער זיך צעלאַכן,

„און א בליץ וועט זיך צעברענען,
„און דער אַלטער, אַלטער דניעפּער
„וועט אליינ זיך ניט דערקענען. —

„נאָר די בלעטלעך וועלן וויאַנען,
„און די צווייַגנ וועלן ליגנ,
„און די סטויפּעס וועט מענ פירנ
„אפ באַזונטע פרעמדע וועגנ".

אינ אוקראַינער שטילע וועלדער
וואַקסנביימער שטענדיק העכער;
אינ אוקראַינער שטילע דערפער
פאַלנ לידער אפ די דעכער.

וועלדער וואַרטנ. ביימער שטייענ.
יאַטנ גייענ,
יאַטנ גייענ.

האָט לעניב געזאָגט

—„זאָל טאָגן אַ־דאָרט,
וווּ ס'האָט נאָך ניט געטאָגט״.—

מיט ווערטער מיט פּראָסטע
האָט לעניב געזאָגט:

—„דאָס ליכט אַהין,
„וווּ ס'איז שטענדיק נאַכט״.

האָט לעניב געזאָגט.
. . . .
האָבן אַלטע געלאַכט.

פון שטעטלעך און שטעט
זײַנען יונגע אַוועק.
פון דאָרף און פון וואַלד
אָפּ די טײַכן אַוועק

מיט גלויביקע אויגן,
מיט האַמערס און העק.

זאָל טאָגנ אָ־דאָרט,
ווו ס'האט נאָכ ניט געטאָגט,—

. . . .

מיט ווערטער די פראָסטע
האָט לעניג געזאָגט.

ערשטע ליד פון די בויער

איך שטיי אַפן פלאַץ פון מײַן נעכטיקער היים,
שמייכלט צו מיר יעדער ברעט, יעדער שטיין.

פון איין זײַט א האַמער, פון צווייטער א זעג,
און קלאָר איז מײַן אויסוועג און קלאָר איז מײַן וועג.

אין וואָכן פון אומרו, אין שאָען פון שרעק
זײַנען שטעטלעך און שטעט מיטן פײַער אוועק.

אדאָרט אַפן שליאַך, אפן אַשיקן שליאַך
א דאַך אָן א שטוב און אַ שטוב אָן א דאַך.

פון איין זײַט א האַמער, פון צווייטער א זעג,
און דאָ איז מײַן אויסוועג, און דאָ איז מײַן וועג.

מיר וווינען אין דרויסן, אין דרויסן איז וואָס?
א דאַך איז דער הימל, א בעט איז דאס גראָז.

אָט וואַרטן שוין ברעטער, אָט פירט מען שוין ליים,
אָט שטייט שוין א וואַנט פון מײַן אַלעמענס היים.

ס'וויגט זיך א פענצטער, סע שמייכלט א טיר,
איך פיל זי, די שפראַך, אינעם שווײַגן צו מיר.

וועט שמײַסן א רעגן מיט האַרבסטיקן ווײַן, —
נישקאָשע, נישקאָשע, א שטוב וועט דא זײַן!

כ'בין שיקער פון אײַך, מײַנע ניכטערע טעג.
און ליב איז מײַן אויסוועג, און ליב איז מײַן וועג.

ווען סע קרעכצן די דעמבעס

צי האט איר געהערט, ווי סע קרעכצן די דעמבעס
באַטאָג אין די וועלדער אפ ברעגן פון דניעפּער?
צי האט איר געזען, ווי סע פאַלן די דעמבעס
אפ ערדן אפ פּײַכטע אין טונקעלע וועלדער?
צי האט איר געהערט, ווי סע רוישן די דעמבעס,
ווי ס'טראָגט זיך דער רויש איבער וואַלדישע וועגן,
ווען ארבעטער קומען מיט העק און מיט זעגן?

צי האט איר געהערט, ווי סע שרײַען די דעמבעס,
ווען פויערים קומען און שינדן די קאָרע,
ווען ס'הייבן זיך העק אפ צעפּאַטלעטע צווײַגן,
ווען זיי פאַלן אין שטויב און אין ראַש און אין ווונדן?
צי האט איר געהערט, ווי סע שווײַגן די דעמבעס,
ווען זיי ליגן אפ וואָגנס געבונדן?

צי האט איר געזען, צי האט איר געזען,
ווי זיי ליגן און נורען זיך איינער צום צווייטן,
ווי ס'שלעפּן זיך וואָגנס אפ זאַמדיקע וועגן,
ווי ס'ברענט זיי די זון און סע שווענקט זיי דער רעגן,

און פּויערים שווײַגן און טרײַבן די אָקסן,
און דאָרט אינעם וואַלד, וווּ זיי זײַנען געוואַקסן,
גייט מען שוין ווידער מיט העק און מיט זעגן!

צי האָט איר געהערט, ווי סע קרעכצן די דעמבעס?

באַרזשעס

רויִקע באַרזשעס פאַרטראַכטע און ברייטע אפּ רויִקן דניעפּער
גייען פּאַמעלעך און טרײַבן פּאַמעלעך די פאַלדן פון וואַסערן
קילע,
שמעקט פון די באַרזשעס מיט פײַכטע אוקראַיִנישע סטעפּעס.
רויִקע באַרזשעס פאַרטראַכטע און ברייטע אפּ רויִקן דניעפּער
שלעפּן צעזעגענע דעמבעס און סאָסנעס פון וועלדער פון שטילע

וואַסערן לויפן בײַ ברעגיקע קאַנטן און טרײַבן די שליופּקעס
און שיפן
דרייען זיך כוואַליעס, הייבן זיך כוואַליעס און פאַלן אין וואַסערן
קלאָרע,
קנייטשן זיך כוואַליעס און שמייכלען מיט זון און מיט ווינטן
געשליפן,
וואַסערן לויפן בײַ ברעגיקע קאַנטן און טרײַבן די שליופּקעס
און שיפן,
אָטעמען באַרזשעס מיט רו און מיט דעמבענער קאָרע.

שווערער פון היימישע דעמבעס פון וואַלד זײַנען פּרעמדע
מאַשינען

גייען נאָכ שטילער די באַרזשעס אפּ כוואַליעס מיט פרישקייט
פארווייטע,
איז דאָ אַזא שווערקייט אינ גאנג פונ די באַרזשעס די ברייטע,
איז דאָ אזאַ גרויסקייט אינ בארזשעס, וואס שלעפּנ די פרעמדע
מאַשינענ
אונ האבנ א רו אפנ רוישיקנ דניעפּער געפּונענ.

א דעמב האט דערציילט

פון יענער זײַט טײַך איז א וועלדל פאַראַן,
זײַנען טעג דאָרטן שטיל, זיינען נעכט דאָרט פאַרשײַט.
איז אמאָל אין א נאַכט דאָרט א מיידל געגאַן
מיט א סאָד, מיט א בריוו צו דער סוינישער ווײַט.

האבן וואַלדישע טעג דאָרטן סוידעס געוווּסט,
האבן פינצטערע נעכט דאָרטן סוידעס געהיט,
האבן מענטשן געלעבט דאָרט אין צווײַגישן מיסט,
געלעבט און געוואַרט און געטשאַטעוועט טריט.

איז דאס מיידל געגאַן, האבן שאָטנס געיאָגט,
און דאס האַרצ האט געקילט אין דער וואַלדישער פרעמד,
האט א מענטש זי געכאַפט און געקושט ביז פאַרטאָג
און געפונען דעם סאָד אינעם מיידלשן העמד.

איז באַנאַכט אפן דניעפּער אי פינצטער, אי קאַלט,
און דער וואַלד איז פאַרצאַמט מיט א ביימערשן פלויט.
איז געקומען דער טאָג און געפונען אין וואַלד
א העמד א צעפליקטס, און א לײַב, וואס איז טויט.

אזוי האט א דעמב, וואס מ׳האט נעכטן געבראַכט,
דערציילט אינדערשטיל פון א וואַלדישער נאַכט
אין א פינצטערן וואַלד, אין א פינצטערער פרעמד,
פון א מיידל א יונגס אין א בלוטיקן העמד.

יאָגן הייַנט די כוואַליעס

יאָגן הייַנט די כוואַליעס דול און דולער...
וואס בויגן זיך די גראָזן?
וואס לויפט אזוי דער ווינט?
און שיפלעך יאָגן גיכער, און מענטשן ווערן שטילער,—
אָ, אינדזעלעך, אָ, אינדזעלעך, וואס ציטערט איר אצינד?

געדענקט איר ניט, ווי פרי׳ר מיט הונדערטער יאָרן
געווען זיינט איר אַן אָרט פאַר פייַער און פאַר נאַכט,
ניט איינער האט אף אייך זיין הייסן קאָפ פאַרלאָרן,
און איר זייַנט שטיל געלעגן און געוואַרט?

געדענקט איר, וויפל זאַפּאָראָזשצעס טויטע
פאַרלאָזט האט מען אף יענע גרינע טרעפ,
קאָזאַקן שיקערע מיט גאַרטעלעך מיט רויטע,
מיט וואָנצעס לאַנגע און געגאָלטע קעפ?

איר ליגט און שווייַגט. סע קומען נייַע יונגען,
און לידער נייַע קלינגען אפן טייַך,
סע לויפן טעג, און כוואליעס ווילדע שפרינגען
און נייַע כוואליעס שפרייטן זיך אף אייך.

און אונטער יונגע כוואליעס וועט איר ליגן,
און איבער אייַך וועט רוישן דניעפּערבוי.
אָ, אינדזעלעך, אָ, אינדזעלעך אף ברייטע וואַסער־וועגן,
אָ, אינדזעלעך, אָ, אינדזעלעך, וואס ציטערט איר אזוי?

האַפּקע און סאָרע־הינדע

האַפּקע שטייט לעם טײַך און קוקט,
האַפּקע איז א בלינדע,
און לעבן האַפּקען שטייט אנטציקט
סאָרע־הינדע.

„זאָג מיר, סאָרע־הינדע, זאָג,
„איך בין דאָך א בלינדע,
„וואס איז שווארצ אזוי דער טאָג,
„זאָג מיר, סאָרע־הינדע".

„לויטער זײַנען דאָ די טעג,
„בלוי זײַנען די הויכן,
„נאָר אדאָרט אפּ יענעמ וועג
„פליִען שוואַרצע רויכן".

„וואָס־זשע הודעט דאָרט אזוי,
„זאָג מיר, סאָרע־הינדע,
„וואָס־זשע הודעט דאָרט אזוי,
„איך בין דאָך א בלינדע".

„ווייס איך, עפּעס זשומען דאָרט,
„ווייס איך ניט פונוואַנען,
„ערשט געווען א ליידיק אָרט,
„איצטער לויפן באַנען.

„נעכטן איז געווען דאָ פּוסט,
„בערגעלעך און גריבער,
„אף די שטיינער, אפן מיסט
„גרייט מען נײַע שטיבער"...

. . . .

שטייען ביידע אפן וועג,
בלײַבן זיי דאָ שטייען,
און דער רויש פון ברייטע טעג
פאַלט אף זיי אינצווייען.

און אלע וועלנ זינגענ

עכ, און ווענ די כוואַליעס וועלנ זיכ צעלויפנ,
וועלנ זיי פאַרטורינקענ א דריַ טויזנט הויפנ.

מיט פעלדער און מיט סעדער, מיט לאָנקעס און מיט ערד,
מיט גראָזנ און מיט ביימער, מיט טעג און מיט נעכט.

דריַ טויזנט הויפנ וועלנ זיי פארשלינגענ,
און קיינער וועט ניט וויינענ, און אלע וועלנ זינגענ.

דריַ טויזנט הויפנ, דריַ טויזנט הויפנ
וועלנ זיי פאַרטורינקענ, ווענ זיי וועלנ לויפנ.

און קיינער וועט ניט שריַענ, נאָר האָנענ וועלנ קרייענ,
ווענ די גרויסע וואסערנ וועלנ אפ זיי גייענ.

ווערבעס וועלנ ציטערנ און הוידענ זיכ און בוקנ
פאַר יאָגנדיקע כוואליעס, פאַר שווימענדיקע בריקנ.

זוואָנעצקי און וואָלאָנסקי, מאנדריוּוקע און קיידאַקע
איינגונצוואַנציק דערפער מיט סעדלעכ און מיט כאַטעס.

און הימל וועט ניט וויינען, און דרויסן וועט ניט רעגענען,
ווען ס'וועלן פויערים מיט דערפער זיך געזעגענען.

בעהיימעס וועלן רעווען, און פערד וועלן זיך נויגן,
די דערפעלעך באַלייטן מיט אומעטיקע אויגן.

צען טויזנט דעסיאַטינעס צעוואַשן און צעשווענקען,
און קיינער וועט ניט קלאָגן, און קיינער וועט ניט בענקען.

די פויערים פאַרנעמען די קלומקעס און די סאָכעס,
די לאָשעקעס, די אָקסן און זייערע מישפּאָכעס.

דאָרטן אַף די בערג איז ליכטיקער און העכער,
געביידעס וועלן וואַקסן מיט גלאַנצנדיקע דעכער.

מיט הויפן און מיט שטאַלן, מיט טישן און מיט בעטן,
מיט גאַנעקעס מיט הילצערנע און רויטינקע שטאַכעטן.

וועלן די געביידעס מער זיך שוין ניט בוקן
פאַר יאָגנדיקע וואַסערן, פאַר שווימענדיקע בריקן.

דריי טויזנט הויפן גייען זיך דערטרינקען,
און קיינער וועט ניט וויינען, און אַלע וועלן זינגען!

געצוימטע שטראָמען

דער דניעפּער שמייכלט כוואַליש,
די הייך איז בלוי און ריין,
און איך מיט ראָכל קאַליש
מיר בלאָנקען דאָ אַליין.
מיר בלאָנקען און מיר קלערן,
און ראָכל פרעגט פאַרטראַכט:
— איך בעט דיך, וויפל שטערן
באַהאַלט אין זיך די נאַכט?
— ווי קאָן איך וויסן וויפל?
זי פרעגט —
מײַן יונגע פרוי.
איך קוק אף ווײַטן שיפל
און טראַכט פון דניעפּערבוי.

זיינען מיר געגאַנגען

שוועבנדיקע וואַסערן, שוועבנדיקע ברעגן, —
מיט צעצוימטע ווערטער לויף איך אײַך אַנטקעגן.

שווער איז דעם געפינען, ווער ס'האט ניט פאַרלאָרן
אף די הייסע ברעגן כאָטש א בינטל יאָרן.

זײַנען מיר געגאנגען, האבן מיר געוואנדערט,
ווער עס איז געוועגן דאָרט, דער וועט ווידער זײַן דאָרט.

לאַכנדיקע, הונגעריקע, זינגענדיקע ברידער!
ווער ס'איז ניט געוועגן דאָרט, ווייסט ניט מײַנע לידער.

טרויעריקע, פריילעכע, שיקערע מעסלעסן,
אויב איך קען געדענקען, קאָן איך אויך פארגעסן.

איז מיר אַזוי יאָנטעוודיק, איז מיר אזוי פריילעך,
וואס פון אײַער גרויסקייט אזוי גרינג דערצייל איך.

יאָגנדיקע וואַסערן, יאָגנדיקע ברעגן, —
מיט באפרײַטע ווערטער פלי איך אײַך אַנטקעגן!..

אין רויקן קיטשקאַס

אין רויִקן קיטשקאַס, אין אַלטיטשקן קיטשקאַס,
ווו ס'האבן זאַפּאָראָזשצעס געהוליעט און געצונדן.
וואס זשומעט זי אזוי, די וואָכעדיקע גאַס?
ווהין איז זי, די רויִקייט, פארשוואונדן?

וואס קלינגען דאָ מיט פרייד די וואָכעדיקסטע טריט?
וואס גלאַנצן אזוי העל די וואָכעדיקסטע רויכן? —
מע טעסעט דאָ געהילצ, מע האַמערט דאָ גראַניט,
און מאָרגן וועט די גרעסטע הרעבליע זיך דאָ הויכן.

אַהערצו קומט מען אָן פון נאָענט און פון ווייַט,
און אויגן, הענט און הערצער ציִען זיך אַהערצו;
און דאָרטן, ווו דער ווינט פליעג בונטעווען פאַרשייַט,
בונטעווען די הענט, די אויגן און די הערצער...

און אומעטום דאָ שלאָגט מיט אונדזער הייסן בלוט,
אין שטעטעלע, אין שטאָט, אין דאָרפישן געזינדל,
און קלינגען וועט די שאָ, וועט קומען די מינוט,
וועט רויִקער קיטשקאַס אין וואסערן פאַרשווינדן.

דאס צווייטע ליד פון די בויער

אין זומער אין העלן
איז מערער נאָך פונקען
אין וואַסערן אַלטע
פון דניעפּרישן סטעפּ;
מיר זײַנען געקומען
פארטרינקען די שוועלן,
די שוועלן פארטרינקען,
די שטיינערנע טרעפּ.

זיי זײַנען געלעגן,
ווי שאָמרים ווי אַלטע,
און האבן געשוויגן
און האבן געהיט
די סוידעס די קאלטע
פון אוראַלטע טריט.

מיר זײַנען געקומען
פון שטעט און פון דערפער
די אינדזלען, די שוועלן

פאַרפלייצן, פאַרטרינקען,
און אלע, און אלע
געפונענע פונקען
צעשיקן, צעשיקן
אין כאַטקעלעך קליינע,
וואס זינקען אין פיַין,
אין אלע פאַבריקן,
אין ווינקעלעך אלע,
וואס וואַרטן אפ קרעפטן
און שיַין!

דאס ליד וועגן די הענט

הענט מײַנע הענט, מײַנע טויזנטער הענט,
צו אײַך איז מײַן ליד הײַנט געווענדט.

אַלץ איז באַזונגענ און אַלץ איז שוין דאָ,
נאָר איר, מײַנע הענט, אין געזאַנג זײַנט ניטאָ.

איר האט די הונדערטער הײַזער געבויט,
איר האט פון פעלדער געבראַכט אונדז דאס ברויט.

אַדאַנק מײַנע הענט, מײַנע טויזנטער הענט
פאר אַלץ, וואס אין גאַנג האט איר נעכטן פארברענט.

פאר רויקער פרייד הינטער רויקן דאַך,
פאר גרויזאַמער פרייד אַפן ראַשיקן שליאַך.

אומעטום, ווו איר שאַפט, אומעטום, ווו איר זענט,
צו אײַך איז מײַן ליד הײַנט געווענדט.

א פעלדז נאכ א פעלדז

א פעלדז האט א פעלדז דאָרטנ דוירעס געהיט,
א פעלדז נאָכ א פעלדז איצטער רײַסט זיכ אונ פליט.

אונ פליט אינעמ טײַכ, אינדערווײַט, אינדערהייכ
מיט שטיינ אונ מיט זאַמד, אונ מיט שטויב אונ מיט רויכ.

וואס דונערט אזוי דאָרט, וואס הודעט אונ בליצט? —
א פעלדז האט דאָרט טויזנטער שטיינדלעכ צעשפריצט.

אונ נעמט ניט דער האמער — איז דאָ דינאַמיט,
א פעלדז נאכ א פעלדז דאָרטנ רײַסט זיכ אונ פליט.

דער פעלדז-שטיינ „קאָכאַניאַ“, ער הוידעט זיכ שווער,
א ריס אונ א שאָס — אונ ער הענגט שוינ ניט מער.

דער „גיבער“ איז אויכ שוינ צעפליקט אונ צעשטויבט,
ליגט ער אינ דניעפּער, אינ טיפקייט אונ טויבט.

אונ נעמט ניט דער האַמער — איז דאָ דינאַמיט,
א פעלדז נאכ א פעלדז דאָרטנ רײַסט זיכ אונ פליט.

א באלאדע וועגן א בריק און דריי עשאַלאָנען

קומט אן אָוונט אף די ברעגן, ווערן ברעגן פײַכט און קאַלט,
ווײַט פון דערפער און פון שטעטלעך הענגען פעלדזן שווער און אַלט.

אף די פעלדזן אף די שווערע הענגט א בריק מיט שטאָקן צוויי:
אפן ערשטן ליפן כוואליעס, אַפן צווייטן פאַלט א שניי.

הענגען פעלדזן אף די ברעגן מיט יאָרהונדערטן פאַרוויִט,
קומען מענטשן אף די ברעגן, און די מענטשן זײַנען גרייט.

וועלן וואַסערן זיך הייבן אינדערהייך און אינדערהויך,
און דעם בריק וועט מען צעהאַקן און צעטראָגן ווי א רויך.

און פאַרגעסן וועלן מענטשן, אַז א בריק איז דאָ געווען,
און פאַרגעסן וועלן מענטשן דאס, וואס מיר האבן געזען.

לאַנג, צוריק מיט א יאָר זיבן, אין א שווערן גרינעם מײַ
איז פון בריק אָט־דעם געפלויגן עשאַלאָנען דרייסטע דרײַ.

עשאַלאָנען, יונגע יאַטן מיט שינעלן, מיט געוועער,
וויפל הערצער, וויפל פונקען האָט דער שטראָם פאַריאָגט אַהער?

וויפֿל מאַמעס פֿלעגן וואַרטן אַפּ א גרוס פֿון יענער נאַכט?
נאָר די כוואַליעס פֿלעגן שווייַגן און קיין גרוס זיי ניט
געבראַכט.

לאַנג, צוריק מיט א יאָר זיבן, אין א שווערן גרינעם מייַ
איז פֿון בריק אָט־דעם געפֿלויגן עשאַלאָנען דרייסטע דרייַ.

האָבן שטראָמען זיי געטראָגן, האָבן כוואַליעס זיי געשוואונקט.
אויף דעם בריק וועט איר פֿאַרגעסן — עשאַלאָנען דרייַ געדענקט!

קלינגענ גלעקער

גלעקער קלינגענ, קלינגענ גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

אפנ דניעפּער אפנ בלויענ
שאָטנס ליבע זע איכ שווימענ,
אינ אָט־דאָ אינ טעג פונ בויענ
שטיל דערמאנ איכ יענע נעמענ.

גלעקער קלינגענ, קלינגענ גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

קאָנ איכ זיי דענ ניט דערמאַנענ
„רויטע פּרעסניעס״, „האָמלער רויענ״,
וועג איכ ווייס שוינ לאַנג פונוואַנענ
שטאַמענ זיי, די טעג פונ בויענ?

גלעקער קלינגענ, קלינגענ גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

און מיר בענקען און מיר בענקען,
ווי די קינדער נאָך א טאַטע.
זיי וועט שוין געוויס געדענקען
עדער לעמפל, יעדער כאַטע.

גלעקער קלינגען, קלינגען גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

רוט דער האַמער

הענגט דער הימל יונג און צאַרט,
זינגען גראָבערס דאָ באַנאַכט.
שווימט א שטילע אָוונט־שאָ,
הערט מען זינגען דאָרט און דאָ.

ניט קיין בראָנפן, ניט קיין ביר,
ס'איז פון שענק פאַרהאַקט די טיר.
רוט דער האַמער, רוט די האַק
אין א ווינקל אין באַראַק.

און די גראָבערס זיצן שפעט,
מע דערמאָנט באַקענטע שטעט:
— עך, האט מען אַמאָל געיאָגט! —
האט אַ גראָבער שטיל געזאָגט.

אַפן דניעפּער שלאָפט די נאַכט.
זאָגט אַ דײַטש צו זיך פאַרטראַכט:
— „אין מײַן לאַנד איז אלעס דאָ,
„נאָר אַזעלכע הענט ניטאָ".

גלאַנצט אין פעלד א נייַע גאַס,
רוישט די סטאַנציע קיטשקאַס,
שטייען לאָפּעטעס פאַרטראַכט,
זינגען גראָבעערס דאָ באנאַכט.

אין קלוב

ניט אין געסלעך אפֿן שליאַך
ברענט א בלויער פֿײַער,
אפֿ די כוואַליעס, אפֿן טײַך
שטייט א קלוב א נײַער.

קומען ארבעטער אהין,
קעפּ און הענט פֿאַרברענטע;
פֿון א ליכטיקער מאַשין
פֿליט א קינאָ־לענטע.

אפֿן ליכטיקן עקראַן
פֿליט דאָס בילד פֿאַרשײַטער:
ברענט א שטאָט,
פֿליט א באַן,
יאָגט א רײַטער.

אוילעם זיצט,
אוילעם קוקט,
פֿליען מאָדנע ווערטער.
מ׳איז אַנטציקט,

מ'איז אַנטציקט,
רופֿנ
אונ געלעכטער.

פֿליט א שטאָט,
יאָגט א שליאַכ,
ווערט דער לײַוונט בלאַסער;
שפּרינגט א יאַט אפּ א דאַכ —
אָט איז ער אינ וואסער.

טוט דאָרט ערגעצ זיכ א ריס,
ווערט די האַנט א הוילע, —
שרײַט
אונ טופּעט מיט די פֿיס,
אָנ געדולד דער אוילעמ.

ווידער פֿליט א הויכע שטאָט
פֿונ די דעכער העכער,
שפּרינגט א יאַט אפֿנ דראָט,
טאַנצט ער אפּ די דעכער.

אונ א סאָפּ.
אונ אזוי
בלײַבנ פֿראַגעס האַרבע.
מאָרגנ פֿרי
איז נאכ גרוי
ווידער צו דער ארבעט!

קומען טעג אַף די טײַכן

קומען טעג אַף די טײַכן, אַף די גילדענע ברעגן,
פאַלט די זון אַף די כוואַליעס, ווי אַ בראָנדזענער רעגן.

שטייען טויזנטער יונגען איבער שליאַכן און הויפן,
פאַלן האַמערס און טאַנצן, כריפּען זעגן און לויפן.

פאַלט די זון אַף די יונגען, ווערן יונגען נאָך ייִנגער,
פאַלן האַמערס נאָך שווערער, פליִען זעגן נאָך גרינגער.

שלאָגט אַ גליַיקער אָטעם פון די היציקע זעגן,
פון די בראָנדזענע קערפּערס, פון די הענט, וואָס באַוועגן.

שרײַען סאָסנעס געפּרעסטע אינעם קלעם פון מאַשינען:
דאָס זײַנען די וועלדער געקומען אונדז דינען!

און פאַרלאָזטע זאַוואָדן מיט צעכראַסטעטע לאָדן
ווערן ווידער מיט אָטעם מיט שווערן באַלאָדן.

און אַף פלעצער באַוואַקסן מיט ווילדע בוריאַנען
וואַקסן נײַע באַראַקן, פליִען ראַשיקע באַנען.

צו דעם יאַם צו דעם שוואַרצן פליִען ווינטן און זינגען
וועגן נײַע זאַוואָדן, וועגן קרעפּטיקע יונגען.

שיפן

טײַך מײַן ליבער, גרויסער דניעפּער! ברעגן דולע און פאַרשײַטע!
פעלדזן שווערע, פעלדזן אַלטע, שטראָמען אומרויִקע, ווײַטע.

שוועלן אַלטע, שטיינער גרויע ליגן רויִק און פאַרצאַמען
דײַנע שטראָמען דײַנע דולע זייער וועג צו ברייטע יאַמען.

טײַך מײַן ליבער, גרויסער דניעפּער! דײַנע שטראָמען וועסטו שיקן,
דײַנע שטראָמען וועלן לײַכטן איבער דערפער און פאַבריקן.

זאָלן ריטשקעס, טײַכלעך קליינע לעם א ווערדל לעם א שטילן
הוידען גראָזן אף די ברעגלעך, דרייען שלעפעריקע מילן.

טײַך מײַן ליבער, גרויסער דניעפּער! דו וועסט ליגן און וועסט זען:
צו אָדעסער הייסע ברעגן שווערע שיפן וועלן גייען.

איבער ברעגן איבער ברייטע וועלן הענגען יונגע יאָרן,
שווערע שיפן וועלן פירן פולע זעק מיט ווייץ און קאָרן.

וועלן שיפן שווימען ווײַטע; דאָרט, ווו וואָלקנס פרעמדע הענגען,
פרעמדע טראַקטערס און מאַשינען וועלן שווערע שיפן ברענגען.

איבער כאַטעס, איבער דערפער הויכע לאָמפן וועלן ברענען,
גרויע פעלדזן וועלן קוקן און אוקראַיִנע ניט דערקענען.

איבער פעלדזנ האָרבאַטע

איבער פעלדזנ האָרבאַטע הענגט די זונ א באַנײַטע,
אונ פונ ברעגנ צו ברעגנ יאָגנ שטראָמענ פאַרשײַטע.
הינטער פעלדזנ האָרבאַטע ליגט אונ שלאָפט די לעוואָנע,
איז דער טאָג שוינ צעהאַנגענ אפ פארדרימלטע קליאָנענ.
אונ אינ וועלדער קודלאַטע אפ צעפּאַטלעטע צווײַגנ,
אפ צעפּאַטלעטע צווײַגנ הענגענ שטערנ אונ שווײַגנ.
אפ די ראַשיקע שטראָמענ פאַלט א שטויביקער טומל,
אפ די ראַשיקע שטראָמענ יאָגט אפ שליופּקעס דער הימל.
אונ פונ דערפער פאַרלאָזטע, פונ פאַרגעסענע סעדער
קריכנ אלטע בענדיוהעס אפ צעפּאָרענע רעדער,
אונ בענדיוזשניקעס אלטע פירנ סטויפעס אונ זעענ,
ווי די שטערנ די לעצטע הינטער פעלדזנ פאַרגייענ,
ווי פונ שטעט אונ פונ דערפער אפ א שווערער מילכאָמע
איבער טײַכנ אונ ברעגנ גייענ מענטשישע שטראָמענ.
אונ בענדיוזשניקעס אלטע פירנ שטיינער אונ הערנ,
ווי סע שרײַענ די שטראָמענ, ווי סע וויינענ די שטערנ.
איז א פאַכעד געגאַנגענ, איז א אומרו געפלויגנ
אפ בענדיוזשניקעס אלטע מיט פאַרוואָקסענע אויגנ.
גייענ מענטשלעכע שטראָמענ, יאָגנ שטראָמענ פאַרשײַטע.
אלע טאָג איבער פעלדזנ הענגט די זונ א באַנײַטע.

הונדערטער זאַוואָדן

הונדערטער זאַוואָדן, הונדערטער פאַבריקן,
אונדזער בלוט און זאַפט,
הינטער אַלע שטעטלעך, הינטער אַלע בריקן
וואַרטן אַף דײַן קראַפט.

אונדזערע זאַוואָדן קאָנען שוין געניסן
אי פון גרויסן אומרו, אי פון גרויסער רו,
זאָל די נאַפט זיך צאַפּן, זאָל די נאַפט זיך גיסן
אין באַקו.

אין אַ לאַנד אַזוינעם איז ניטאָ קיין שוועלן,
אייגענע מאַשינען דרייען זיך פאַרשײַט;
איז די גרעסטע קויכעס פון די טיפסטע קוועלן
שיק זיי צו דערצײַט.

וועט מען פלײַסיק גיסן, וועט מען פלײַסיק שיקן
אין ציסטערנעס גרויע פליסנדיקע נאַפט,
הונדערטער זאַוואָדן, הונדערטער פאַבריקן
וואַרטן אַף דײַן קראַפט.

אינ א טאָג א העלב

אונ אהינ, ווו כאַטעס אומעטיקע זינקענ,
וועט דער טײַכ צעשיקנ טויזנטער פונקענ.

שטראָמענדיקע קויכעס איבער די פאַבריקנ
וועט דער אלטער דניעפּער אומעטום צעשיקנ.

איבער אלע דערפער, שטעטעלעכ אונ סקווערנ
וועט דער טײַכ צעשיקנ טויזנטער שטערנ.

וועלנ יענע שטערנ אזוי קאַלט ניט דרימלענ,
ווי די שוועסטער זייערע אינ די הויכע הימלענ.

וועלנ יענע שטערנ זייער ליכט צעגיסנ
איבער ווינקלענ גרויע מיט צעשײַנטע גריסנ.

וועלנ קנוילנ פינצטערניש ערגעצ ווײַט זיכ טראָגנ,
וועלנ וועלפ אונ בערנ אינ דערפער שוינ ניט יאָגנ.

אונ די וועלפ אונ בערנ וועלנ שוינ ניט וואָיענ
אינעמ דאָרפ דעמ נײַעמ, אינעמ דאָרפ דעמ בלויענ.

איבער אלע בערגן, אין א טאָג א העלן
וועט מען סטויפּעס לאנגע אומעטום צעשטעלן.

איבער אלע פּוסטע, אומרויִקע לענגען
וועט מען דראָטן דינע יאָנטעוודיק צעהענגען.

דאָרטן, ווו מיר האבן ברויט און בלי געטראָגן,
וועלן זיך צעציִען זינגענדיקע דראָטן.

און דער אלטער דניעפּער וועט זיך שטיל דערמאנען
אין די אלטע פריידן, אין די אלטע ווייען.

און אף זײַנע ברעגן רוישן נײַע באַנען,
און אף זײַנע כוואַליעס שיפן נײַע גייען.

נאָר פאר זײַנע אויגן, פארן דניעפּערס אויגן,
וואס איז ניט געלאָפן, ווער איז ניט געפלויגן?

ער געדענקט פון שלאַכטן יענע קאַלטע גריסן,
ווען מ׳האט בריקן הויכע אף זײַן קאָפּ געריסן.

ער געדענקט. נאָר אַלעס האט ער שטיל פאַרשוויגן,
האט ער דרייסט פארשוויגן מיט זײַן אלטן ניגן.

נאָר אהין, ווו כאַטעס אומעטיקע זינגען,
וועט ער פאָרט צעשיקן טויזנטער פונקען.

א ליד פונ אַווטער

איכ זיצ אונ איכ קלער איבער בויגנס באַשריבענע,
איכ ווייס ניט: אזוי, צי אזוי?
איכ ווייס אָבער קלאָר, אז די טייל די פאַרבליבענע
דערשרייבנ וועט דניעפּערבוי.

1928 י.

אינהאַלט

עליעס טויט

(פּאָעמע) 5

קלאָרקייט

ס'איז דאָ א ליד 37

מיר איז לאַנג שוין נימעס 39

איך בין א היימישער 40

לידער, לידער 42

בלינדער, זע!.. 44

דעם דרויסן כאָלעמט זיך 45

איך קאן ניט זיין באַשיידן 47

לידער אַפּ פּלויטן 48

זילבערנע טריט 49

אין האַרץ מייַנעם שמייכלט 50

כ'קאָן ניט זינגען שטילער 52

דאָרט, ווו שווערדן פּאָכן 53

אזוי ווי געווען 54

איך טו א לייען א פּושקין 55

פּראָסטע רייד 57

איך האב קיינמאָל ניט געבעט׳אָנדזעט 61

איך וויל ניט פאָדערן אַסאַך 62

אינדערוואָכנ

צו וואָס איז די שרעק?	64
א שטאָט איז פאַרשווונדנ	65
אָט איז דער ראָג	67
א כעוורע אינ א טאָל	68
צעברענ, צעהוליע זיכ	69
הײַנט בינ איכ שוינ צאַרטער	70
יעדער באָנ	71
די גאַנצע וועלט	72
זינגט א קוועלכל	73
איכ דארפ מײַנ בלוט	74
מיר שווימענ אונ שווימענ.	75
צו היימישע ווײַטנ	76
אָפּט פאַרנאַכט	77
גיכ איז מײַ	78
ווידער ווינטער	80
אונ זאָלנ זיי זעענ!	82
ווי א ברודער	84
לאָמיר זינגענ	85
אָפּ שטיינער אונ אָפּ שטויב	87

מאָסקווער ווינט

אינ קרעמל	91
א ראַדיאָ צו אלע	92

א קוק אַפֿ מאָסקווע 94
לעם מאָוואָליי 96

סנאָפּעס

יונגע כאַלופּקעס 99
א נאַקעטער יונג 100
דאָרט, ווו גראָזן זײַנען נאַסער 101
מיט קאָרענער זאַטקייט 102
א גרויסער יאָנטעוו 103
א געגדזענע ראָטע 104
טוט די זון א וואַרעם 105
שמעקט מיט פֿאַרנאַכט 106
אַן אָוונט איך מײַ 107
זאַטע הענט 108
א מיטינג פֿון סנאָפּעס 109
ס׳איז שײַן דער אוקראַיִנישער סטעפּ 110
האָט שטיל א בלאָז געטאָן 111
זיצט מען אַלע לעם טיש 112
פֿאָנען אַפֿ די פֿלויטן 113

הינטערוועגנס

וועגן באַהאַלטענע 117
ס׳איז א פֿרײלעכקייט פֿאַראַן 118
אָט אזוי 120
פֿאַרלעש דעם טאָג 121

לאָמפּן שמייכלען	122
זע איך דיין ציטער	123
געסלעך רויטע	124
פרעמדקייט	126
אין אַזאַ אָוונט	127
גאַס	128
ווער איז שולדיק	130

פון אלטע העפטן

(1925 — 1928)

פּלי, מיין שליטן	135
טוט קיילעכיק א קוק מיין אויג	137
מע דארף זיך קענען פרייען!	138
שאען, פליט!	139
אף סטאַנציע ראמאדאַן	140
פעדעמלעך ווי	142
רויטער ווין	143
אַפן טייך	144
נאכן אורלויב	145
טשעפּעט ניט די בוימער	146
ווען איך זאָל	148
אין די בערג	149
מיר זיינען געגאַנגען אינדרייען	150

א שטיוול	151
איך זינג און שלאָף	152
אָפּטאָל	153
צו א דיכטערן	154
א שוואַרצע טויב	155
עס טרעפט אמאָל אין וועג	157
כ'האב עס פיַינט, דאס לידל	159
גאלדענע כוואליעס	161
ווי גוט איז, וואס מיר לעבן !	163
די פרייד פון דער יוגנט	164
דיַין גרויע ליד	166
ווען וויַיסער פראסט	167
מיַין קינד	169
אין אלושטע	170
פאַרשיידענע שפּראַכן	172
אין סעדל	173
וואס טרובענ דארט די טרויבן ?	178
איך האב אים באגעגנט	180
אכצן ווערסט	181
מיר האבן געשאָסן	183
אפ שנייקער ערד	185
א טויטער זאַוואָד	186
די נעמען פון בויער	187
א שטילע שאָ	189
דער שוואַרצער רויש	191

געפונענע כונקענ
(פּאָעמע)

איכ גיי	193

עלטער ווערנביימער

אָפּנ ברעג דעמ גרויסנ	195
געוווינט איז דער דניעפּער	197
רײַכ זײַנענ ברעגנ	199
שיינ איז דער דניעפּער	201
אָפּ ווערסטנ פונ רו	203
אינ די טונקלע ווינקלענ	204
א בעטלער	206
איכ האב זיי געזעענ	208
פונ האָמעל צו די שוועלנ	209
בייגנ זיכ די שטיבעלעכ	210
אונטער טרוקענע דעכער	212
ווענ מע בויט	213
צעוואָרפענע שטעטלעכ	215
אינ „האָמלער רוי"	216
פריילעכ אונ צופרידנ	218

א מײַסע וועגנ א מישפּאָכע

אינ איינעמ א שטעטל	221
א מישפּאָכע א פײַנע	223
קינדער אינ די וויגנ	225

זיינען זיי געוואַקסן 227
ברענט א לאָמפּ מיט קעראָסינ 229
א בריוו פונ די דערטרונקענע זינ 230
אַזוי זיינען טעג דאָ פאַרגאנגענ 231
אונ דער רעגנ האט געגאָסנ 233
שימענס ערשטער אונ לעצטער בריוו 234
אונ ווידער האט געטונקלט 236
זיצט די נעכטיקע מישפּאָכע 238
זאָגט דער צווייטער 239
גרויע פּאָסנ אפנ שטיינ 241
האט דער ווינט פאַרשריבנ 242
אינ איינעם א טאָג 244
אַפ די אשיקע טרעפּ 245
א בריוו פונ מעזיניק צומ ברודער אלעקסיי 246
געפּייפּט האט א צוג 247
אונ קיינער האט נאכ ניט באַזונגענ 249

וועגנ כוואַליעס אונ ווינט

אַנ אָוונט א ליבלעכער קוממ ווי א מוטער 252
איז געקומענ א מענטש 253
אונ די וועלדער סוידענ זיכ 255
דאָס ליד וועגנ כוואַליעס אונ ווינט 256
ביימער וויינענ 258
האָט לעניג געזאָגט 260

ערשטע ליר פון די בויער 262

ווען סע קרעכצן די דעמפּעס 264

באַרזשעס 266

א דעמב האט דערציילט 268

יאָגן הײַנט די כוואַליעס 270

האַפּקע און סאָרע-הינדע 272

און אלע וועלן זינגען 274

געצוימטע שטראָמען

דער דניעפּער שמייכלט כוואַליש 277

זײַנען מיר געגאַנגען 279

אין רויקן קיטשקאַס 280

דאס צווייטע ליד פון די בויער 281

דאס ליד וועגן די הענט 283

א פעלדז נאך א פעלדז 284

א באַלאַדע וועגן א בריק און דרײַ עשאַלאָנען 285

קלינגענע גלעקער 287

רוט דער האַמער 289

אין קלוב 291

קומען טעג אף די טײַכן 293

שיפן 294

איבער פעלדזן האָרבאַטע 295

הונדערטער זאַוואָדן 296

אין א טאָג א העלן 297

א ליד פון אוטער 299